STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09312

NIT OYSDERTSEYLN

Joseph Perlstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף פערלשטיין

ניט אויסדערציילן

לידער, פאעמעס און באלאדן

געשריבן אין די שארית-הפליטה-
לאגערן, אין עסטרייך

ירושלים „פריינט פון יידיש" 1951

Nit Oisderzeiln

(O WORLD INEXPRESSIBLE)

Songs, poems and ballads

by JOSEPH PERLSTEIN

Written in the D. P.-camps
in Austria

Printed in Israel, 1951
"FRIENDS OF YIDDISH"

דפוס „יהודה", ירושלים

אַ באַשיידענע מצבה מיין טייערער און אונ־
פאַרגעסלעכער מוטער

דבורה

הקדושה, בת התלמיד־חכם

ר׳ שלום־זיסיע דער זשורזשעווי־
טשער (מילשטיין) ז״ל

מיינע טייערע שוועסטער און ברידער, קרובים, פריינט, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע קדושים, וועלכע זיינען טראַגיש אומגעקומען על קידוש־השם אין דער שרעקלעכער אויסראָטונגס־אַקציע אין „זאַפּאַליעסקיע״ — פאַרשטאָט פון

סארני (וואלין)

יג און יד באלול תש״ב (1942)

ב״ע

אין פריילעכסטער רגע פון אומגערנדיקער
פאַרגעסונג — זאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן
און אייביק טליען דער ברענענדיקער צאָרן־האַס
צו די רוצחים פון אונדזערע פאַרפייניקטע
נאָענטסטע און ליבסטע און דער מוסר־השכל דערפון.

ניט אויסדערציילן

ניין, ניט אויסדערציילן, ניין, ניט אויסצוגרוילן
וואס כ׳האָב דורכגעמאַכט אין סאַמע יאָרן־בלי;
כ׳קען ניט אויסדערציילן, כ׳וועל ניט אויסדערציילן, —
זינג איך לידער די, זינג איך לידער די.

זינג איך לידער די פון פיין פאַרצייכנטן,
פון עבר בלוטיקן, פון ווילדע טעג;
פון לעבן הפקרדיק, פון האַס פאַרויכערטן,
אין צער פאַרשווומענעם אויף קיינעמס שטעג.

מיט מיין גורל לאנג אויסגע׳טענה׳ט זיך,
אין גרויל־מעת־לעת׳יקע, אין טריבע נעכט;
פארן שטורם־ווינט אויסדערציילט שוין זיך, —
האט בלויז שטורם־ווינט מיך אויסגעהערט.

און ווען דער טאָג דער אויסגע׳רחמימ׳טער
האט צאַרט אַ גלעט געטון מיין בלייכע באַק, —
וואַלגערט יתומדיק אויף שליאַך צעיאַכמערטן
ווינטיק, לעכערדיק מיין גרויער זאַק.

— — — — — — — — — — —

ניין, ניט אויסדערציילן, ניין, ניט אויסצוגרוילן
וואס כ׳האָב דורכגעמאַכט אין סאַמע יאָרן־בלי;
כ׳קען ניט אויסדערציילן, כ׳וועל ניט אויסדערציילן, —
זינג איך לידער די, זינג איך לידער די.

———

לידער פון האס

אמאל, אמאל

(אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט)

אַמאָל, אַמאָל,
און אפשר גאָר ניט לאנג,
וועלן אלט ווערן אט די לידער מיינע
און זייער שטילן, טרערנדיקן קלאנג
וועט קיינער, קיינער מער ניט וועלן הערן.
און עפּענען אויב ווער
וועט אין אַ שמיטה ביכל דעם,
וועט יענעם ביים ערשטן ליד
דאס הארץ טון א פארקלעם
און ר׳ וועט שנעל פאַרמאכן אים צוריק
מיט אַ פאַרקנייטשטן שטערן —
טאָ זאָל זיין! — — —

וועט אויפשטיין אַזאַ דור,
וואס וועט דעם פּיין און וויי
פון אויג פאַרווישן,
זיין הארץ און גוף וועט ניט
פון צער, ווי מיינע, זיין צעריסן,
און דאַן —
ווען מיין אוראייניקל וועט
א בלעטער טון אַזוי דאָס בוך, —
וועט ער שטיל צו זיך א קלער טון,
אדער זאגן:
— „אומגלויבלעך וואס דער זיידע מיינער
האט אריבערגעטראגן!״ —
ווייס איך:
וועט עס זיין פאר מיר
און זיכער אויך פאר אים
אַ טרויערדיקער דענקמאָל. —
טאָ זאָל זיין אַזוי! — — —

ווײ־יתקדש

ערגעץ, אויף חורבה־פּליינען פון מיין אויסגעאַשטן בנין,
אויפן שוועל פון טאָג, וואס איז זיך פריש מתחדש;
צי ביים שטענדער פון דער וועלט, — ביחידות, אָן א מנין, —
שטיי איך און שטום אויס מיין צארנדיקן קדיש:
— יתגדל ווײ־יתקדש! — — —

דער בית־המדרש חרוב ליגט — צינדן ליכט ביי מיר אין הארצן,
און שאָטנס שאָטלען זיך מיר נאָך פלעגמאַטיש;
נאָר ס׳טראָגט זיך פיינלעך אין דעם חלל אימה׳דיקן, שוואַרצן,
זויבער ווי א ניגון דער „יתקדש״,
— יתקדש, אוי, יתקדש! — — —

איך דעק זיך איבער מיטן טלית און פּרווו אויס אויף זיך די תפילין
גערצועט אינעם פיין פון אלטן קדיש,
און כ׳מאך־צו די אויגן כ׳זאל ניט זען, ניט הערן און ניט פילן,
ווי כ׳זאָג אַן איבעריק און לעצטן מאל „יתקדש״,
— יתגדל ווײ־יתקדש!!! — — —

אוי, ווי אנדערש

אוי, ווי אנדערש כ׳בין פון אלע פעלקער,
און ווי אנדערש ס׳איז מיין ווײ;
איך — קאן קריעה רייסן, איך — קאן קדיש זאָגן,
נו און זיי? — — —

אוי, ווי אנדערש כ׳בין פון די נקמה־נעמער,
אוי, ווי אַנדערש כ׳בין פון זיי;
איך — רחמנות האב אויך אויף אַ מערדער,
נו און זיי? — — —

יא, ווי אנדערש כ׳בין פון די פיל מערדער,
אוי, ווי אנדערש כ׳בין פון זיי;
איך — א עוף קאן אויך אליין ניט שעכטן,
נו און זיי? — — —

שטורמט ווינטן

שטורמט ווינטן, שטורמט אויס מיין לעצטן צארן
און צעטראגט אים איבער שליאכן פון דער וועלט;
— זאָל פון זיי דאָס ווערן וואָס פון מיר ז׳געוואָרן! —
טריף איך פון מיין הארצן אויס און שעלט...

שטורמט ווינטן... נעמט מיין הייסע קללה
און ווי סם פאַרשפּרייט זי איבער יעדן הויז!
טרייסלט אויף די שויבן מיט מיין גרויל־בהלה,
טרייבט די מענטשן אין דער גאַס ארויס...

טרייבט און יאָגט זיי אין דער זאַווערוכע,
אָן אַן אָפּרו, אָן אַן סוף און ברעג...
רייסט די דעכער, גיט קיינעם ניט קיין מנוחה, —
שותּפים זאָלן אַלע זיין צו מיינע טעג!...

— — — — — — — — — — —

שטורמט ווינטן, שטורמט אויס מיין לעצטן צארן
און צעטראגט אים איבער שליאכן פון דער וועלט;
— זאל פון זיי דאָס ווערן וואָס פון מיר ז׳געוואָרן! —
טריף איך פון מיין הארצן אויס און שעלט...

תפילה

העלף, גאט, מיר ביישטיין דעם נסיון
ניט פאַרפלייצט ווערן אין שטראָם;
ניט פארזינקען אין בזיון,
ניט פאַר׳תהום׳ט ווערן אין תהום.

העלף ארויס מיך פון די תפילות,
פון מיין קניען ביי דיין שוועל;
פון די חסדים און מחילות, —
כ׳שטיי שוין, גאט, זיך זעלב אין קעל...

כ׳וויל ניט לעבן אָט־מהיכי־תיתי
צווישן וועלטן קאַלט ווי אייז;
צווישן טייכן טרערן הייסע,
ווי א קראנקער, גרויער גרייז———

*

העלף, גאָט, אויסהאַלטן מיין זינען, —
כ׳זוך דעם אמת נאָך ארום,
ניט דורך שקר אים געפינען,
ניט דורך שטעגן אין דער קרום.

כ׳האב געגישטערט צווישן בלינדע,
צווישן קראנקע אויך געזאלט,
נאר ביי שטארקע און געזונטע
בעסער זוכן ניט געוואלט———

כ׳וויל אין טויטע איצט זיך ראָיען,
כ׳שטיי ביים לעצטן אויבנאָן;
העלף זשע ביישטיין דעם נסיון—
כ׳בין ביים סאַמע טיפסטן תהום!———

ווייטיק

איך דריק צו מיין טרויער צו מיין וווּנד,
ווי ס׳דריקט אַ צאַרנדיקע מאַמע
איר גוססדיקע קינד
צו איר הייסן הארצן־צו
און לאז זיך לויפן איבער טויטע וועגן.
— ווו ז׳דער אָנדענק פון מיין שטעטל־אַש? —
ווו, זאָגט ווו? —
טו איך יעדן איינעם פרעגן.
נאָר קיינער ווייס ניט,
ווי ז׳מיר,
קיינער, קיינער טוט ניט וויסן!
אָדער מען ענטפערט גאָר קאַלטבלוטיק אָפּ:
— „ניטא!", „דער ווינט ט׳צעזייט!", „פארברענט!",
„יא, ווער קען וויסן!"———

דערפיל איך — כ׳וואלט געווען א ניט־געבעטענער דא גאַסט
און ווערטער קראנקע, קילע די
מיינען טויטע, בייזע פרעמדקייט, —
טו איך „קריעה״ רייסן,
פארברעכנדיק אין צוויפל
מיינע אויסגעשטרעקטע הענט
און לאָז אַזוי זיך זוכן די פאַרברענטקייט.

נאָר כ׳טו טאַקע קיין זכר ניט,
קיין לעבעדיקן, לײדער, סימן ניט
פון מיין ארעם שטעטל מער געפינען. —
דערשטיק איך זיך
מיט מיין לעצטן, ניט דערוויינטן וואָרט,
זיך פרעגנדיק פארוואָס
כ׳גיי נאָך ניט אראָפּ פון זינען...
און ווי אַ צעבראכענער נביא,
צעפליק אויף זיך
דאָס לעצטע, קאַלטע העמד
און שלעפּ פון כסא־הכבוד
גאָט אַראָפּ אין דער נידער,
אין צעברענטן חשק אויסלעשן די זון
פון אַלע הימלען אין דער פרעמד
מיט דער צעבראָכנקייט
פון מיינע הייסע גלידער.

גייען דורך פאַרבייגייער געלאַסן
און שאָקלען מיטן קאָפּ,
צי אפשר זאָגן:
— „זעט אָט דעם אומגליקלעכן,
וואָס לויפט איבער געוועזענע דא גאסן, —
ער איז פון זינען דאך אראפּ,
ער האט עס נעבעך ניט געקענט פארטראָגן!״

טו איך אויסקושן די פרעמדע מורמל־שטים
און שריי: „אוואַדע ביסט גערעכט!״...
נאָכדעם נעם איך וואַנזיניק צו זיך
דעם קאלטן טויט פאַרבעטן,

זיך פאַרגראָבנדיק אין דער פאַר׳שרפה׳טקייט אַזוי
אויף לאנגע, לאנגע נעכט,
לאזנדיק פון בייזע ווינטן טרעטן.

און נאָר ווען כ׳וועל מיד פון בראָדזשען מיין, —
טו איך מיט מיין טרויער־גוסס־קינד
אויף חורבות זיך א קבר גראָבן
און אויף כסדר שוין פארבלייבן,
ביז כ׳וועל אויסגעטריפט,
ווי מיין פילפעדער פון לעצטן טראָפּן טינט,
וואָס קען ניט ווייטער
אָט די ווייטיקדיקע שורות שרייבן.
— — — — — — — — — —

צו וואס נאך מאנען

צו וואָס נאָך מאָנען ניט־געצאָלטע חובות,
צי קען מען אויפמאָנען א גרויל־געוויין ?
נאָר ווו נעמט מען אזוי פיל שטיינער אויף מצבות,
געבליבן בין איך איינער נאָר — איין שטיין ! — — —

אין שעה פון פינסטערניש און נאכטיקער ירידה,
ווען דער גייסט איז אויפגעברויזט, —
פאר וועמען אויסדערציילן זיך און זאָגן ווידוי,
ביי וועמען חשבון נעמען און א טרייסט ? — — —

פאר וועמען אויסטריבן דאָס הארץ, וואָס איז פארזאָטן,
צו וועמען זאָל איך מיט מיין טענה גיין ?
קיינער איז ניט אומשטאנד דעקן מיר דעם שאָדן
איך מוז נעבעך דעקן אים אליין ! — — —
— — — — — — — — — — — —

טאָ צו וואָס נאָך מאָנען ניט־געצאָלטע חובות, —
צי קען מען אויפמאָנען א גרויל־געוויין ?
נאר ווו נעמט מען אַזוי פיל שטיינער אויף מצבות,
געבליבן בין איך איינער נאָר — איין שטיין ! — — —

מיין מאמע

איך האָב אַ מאַמע, אַ טייערע מאַמע געהאַט,
נאָר ס׳האָט זי צום קבר געטריבן דער קאַט.
איך וויס ניט וואָס האט ער צו מיין מאַמע געהאט,
וואָס האט ער, וואָס האט ער דער תלין געהאט???

*

וואס האט דען אזא מאַמע געקענט שולדיק זיין,
אַז די אומשולד אַליין נאָר געוועזן איז איר פּיין!?
אַ יידישע מאַמע, — מישטיינסגעזאָגט שוין! —
וואָס האט אזא מאַמע דען שלעכסט געקענט טאָן!?

*

איך געדענק זי, מיין מאַמע, אין מינוטן פון פרייד,
אין רגעים פון מנוחה, פון צאָרן און לייד;
אין שמחה, אין טרויער צי גאר אין געוויין, —
וויפל חן ס׳איז געלעגן אין איר, וויפל חן!

*

אט זע איך זי, מיין מאַמע, אין א פרייטיק־צו־נאַכטס:
זי זיצט ביי דער תחינה און זאָגט שטיל, מיט הארץ,
צי שטייט ביי די ליכטלעך און בענטשט פאַרכטיק, לאַנג,
און וויינט מיט אַ מאַמעשן טרערן־געזאַנג — — —

*

אָ, וויפל נעימות האט מיין מאַמע פארמאגט,
ווען זי האָט די „צאינה וראינה" געזאָגט
און נאָכער דעם ספר פאַרמאַכט און געקושט
און הייליק, מיט יראה די טרערן געווישט — — —

*

אַ לעבן האָט זי נאָר געקרעכצט צו איר גאָט,
געלייענט די קרישמע אין פאַרגיי ביים „אחד";
אָפּגעהיט „אָמן" נאָך יעדער ברכה גאַנץ פרי,
דערביי ניט פארגעסן איר טעגלעכע מי.

*

ביים קנעטן די חלה אין אַ פרייטיק־פאַרטאָג,
ביים ריכטן אַ העמד, צי ביים צירן אַ זאָק —
וויפל חן, וויפל חן ס׳איז געלעגן אין איר,
אין איר מינדעסטער תנועה, אין מינדעסטן ריר! — — —

*

אַזאַ מאַמע האָב איך נאָר, דוכט זיך, געהאַט,
נאָר ס׳האָט איר צום קבר געטריבן דער קאָט;
זי האָט צו די „זאַמדן״ קוים־קוים זיך דערשלעפּט
און ביז צו דער שחיטה שוין מער ניט געלעבט...

*

דוכט זיך ערשט נעכטן ז׳געווען דאָס, ניט לאַנג,
איך קען גאָר ניט טראַכטן דערפון, — איך ווער קראַנק!
זי האָט דאָך מיך שטענדיק געבעטן: „מיין זון,
ווען כ׳וועל אַמאָל שטאַרבן, דו זאָלסט דאָס מיר טון:
קדיש זאָלסט זאָגן נאָך מיר ליבער זון!״ —
וויל איך עס, מאַמע, אָך, ווי כ׳וויל עס דיר טון!
נאָר שטום איז מיין מויל און מיין שטימע איז מיד, —
שטום איך דיר אויס נאָר מיין קדיש׳דיק ליד;
אין גן־עדן ביסטו דאָך סיזוי שוין אריין,
געליטערט דורך יסורים, דורך ליידן און פּיין,
געהייליקט דורך גסיסה און תחינה צו גאָט,
ווען דו בינסט פאַרגאַנגען אין לעצטן „אחד״ — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
יאַ, כ׳האָב אַ מאַמע, אַ טייערע מאַמע געהאַט,
נאָר ס׳האָט איר צום קבר געטריבן דער קאָט:
אַ יידישע מאַמע, — מישטיינסגעזאָגט שוין! —
וואָס האָט אַזאַ מאַמע דען שלעכטס געקענט טאָן?! — — —

בענקשאַפט

אין קרענקלעכער דעמערונג, צי שטילקייט פון דער נאַכט,
ווען אין טריבן צימער כ׳בלייב מיט זיך אליין, —
ווי אַ מאַמע, אויף שפּיץ־פינגער, פאַרדאַגהט און פאַרטראַכט,
קומט צו מיר די בענקשאַפט שטילערהייט צו גיין.

קומט, קלאַפּט אָן אין פענסטער און פרעגט מיך צי איך וויל
זי אלס גאַסט אויפנעמען, צי מען מעג אריין, —
די איינזאַמקייט ז׳איר נמאס, די גאַס איז פיינלעך־שטיל,
אלעס זינקט אין דרעמל, — וווּ זשע זאָל זי זיין?

עפן איך אויף מיין פענסטערל און פאַרבעט זי שטום,
מילא, שוין געקומען, — ווי זשע טרייבט מען ארויס
א נעבעכדיקע יתומה, וואָס בלאָנקעט זיך אַרום,
האט ניט ווו צו שלאָפן, האט קיין אייגן הויז!?

טרעט זי מיין שוועל אַריבער און האַלדזט מיך האַרציק אַרום,
חנפהט זיך און טוליעט, ווי אַ וואָגלער־הונט;
רירט אָן מיינע האַרצן־סטרונעס און ס׳הארץ צעזינגט זיך שטום,
נאַכער נעמט שטאַרק וויינען, ווי אַ פיצל קינד — — —

דערהערט די טויבע שטילקייט מיין טריב געזאנג־געוויין,
כאַפּט זיך אויף פון שלאָף אירס, בייזערט זיך און כעסט;
אויף מיינע נאכט־קאנצערטן מיט טענות קומט צו גיין
און וואַרפט מיט בליקן קרומע אויף מיין שטומען גאסט.

בעט איך זיך ביי שטילקייט: אָ, זיי א רגע שטיל,
פון מיין גרויסן אומגליק האסטו דאך געהערט...
לאָז אויסוויינען דעם אומעט, לאָז אויסגיסן ס׳געפיל,
כ׳וויל באַהערן וועמען מיט מיין נאַכט־קאָנצערט — — —

— — — — — — — — — — — — —

צעקלינגען זיך הארצן־סטרונעס און קלאָגן אָן א סוף,
כאטש ס׳וויל זיי קיינער הערן, קיינער ניט פארשטיין;
איך וועק נאָר אומזיסט די שטילקייט אין מיטן נאַכט פון שלאָף,
דאַן פאַרנעמט מיין אומרו די בענקשאַפט נאָר אַליין — — — —

א פריינט

פון פרי ביז אָוונט האָב איך געבלאָנדזשעט, אין אַ טאָג אַ נאַסן,
איבער די גאסן פון מיין היימיש־אלטער שטאט;
נאר ניין, עס איז קיין שטאט געווען מער און זיכער ניט קיין גאסן, —
צי קאָן מען אָנרופן אַ הורבע ציגל — שטאָט?! — — —

נאָר ווייל איך האָב ניט לאַנג דאָ אַלץ וואָס ליב פאַרלוירן,
האָבן רחמימ׳דיק גערעדט צו מיר סקעלעטן־ווענט,
און ס׳האָט זיך מיר פאַרבענקט דאָ ווידער־אמאל געבוירן,
אַ פלאַם פון אומרו־ווייַ האָט האַרצן מיין צעברענט.

און כ׳האָב געשפּרייזט אַזוי, פאַרוועבט אין גרויל־חלומות,
טיף געשליירט אינעם טרויערדיקן היינט;
איך האָב אַ פריינט געזוכט... אָ־דאָ, אין די מקומות,
ווי לאַנג האָב איך, אָ, גאָט, געהאַט אַזויפיל פריינט! — — —

און כ׳מערק: ווי שׂרפה־לעשער, אויף צעקיילטע שטאַקן,
שאַרן מענטשן זיך פאַרדאגהט און פאַרקלערט;
זיי איילן מער ניט, ס׳איז אומעטיק דאָ, אַלץ צעשראָקן,
און ווי אַ סטראַשידלע ליגט עבר טויט־צעשטערט.

טרעט איך איבער וויסטקייט און ס׳גלוסט זיך מיר ניט גלויבן,
אַז כ׳האָב דאָ ווירקלעך קיינעם ניט, אָ, קיינעם, קיינעם מער?! —
דאָך דאַרטן, אויפן חורבה־סקעלעט־שטובל, אויבן,
געוווינט אַ פעטער האָט, אַ מומע און נאָך ווער...

און פּלוצים כ׳זע... — נאָר ס׳גלוסט זיך מיר ניט גלויבן —
דוכט זיך אַ ייד... אַ ייד! — יאָ טאַקע, מען דערקענט!...
פון וואַנען? — צי ווירקליך וווינט ער ערגעץ דאַרטן, אויבן,
צווישן די פאַרגרויטע אינוואַלידן־ווענט? — — —

און כ׳שטעל אים אָפּ: ר׳ ייד! איר זענט אַזוי מיר קענטליך...
ווי קומט איר דאָ... וווּ ס׳האָט געוווינט... אויפן זעלבן אָרט?...
איר זענט אַזוי דאָך צו מיין אַלטן טאַטן ענליך:
דער גרויער פּנים, אויגן, נאָז און לאַנגע באָרד!?

איך זוך אַ פריינט ר׳ ייד!...
און ס׳זאָגט דער ייד מיט טרויער:
— אך יאָ, אַזאַ זון האָב איך טאַקע געהאַט ווי דו,
און ווען איך וויים ניט, אַז געפאַלן טויט איז ער אָ־דאָ ביים מויער
וואָלט איך געמיינט ,מיין קינד, אַז זיכער דאָס ביסטו...

אַליין האָב איך מיין לעבן אין אַ בונקער דאָ געפונען,
נאָר עלנט בין איך ווי אַ שטיין און כ׳זוך אַ פריינט ווי דו...

— — — — — — — — — — — — — — —

דאַן האָבן מיר זיך ביידע הייס און שטום אַרומגענומען:
— „זאָל זיין אַז דאָס ביסטו!...״
— „זאָל זיין אַז דאָס ביסטו!...״

גאולה

דעם תהלים־ייד, דעם אייביקן מאַמין ר׳ אריה — אַ נר־תמיד

מיט מיינע אויגן, ר׳ אריה, זע איך יעדע שעה דיין טויט,
דיין פּיין און גרויסע ליידן, דיין צער און גסיסה־בראַנד;
ווי אַ הונגעריקער בעטלער, וואָס בעט אַ שטיקל ברויט,
שטרעקסטו אויס צום הימל דיין אויסגעבלייכטע האַנט...

און כליפּענדיק אין ווידוי, ווי אַ פּיצל קינד,
טוסטו צו דער פּייכטקייט פון דיין ווונד זיך דריקן...
און בעטסט ביי גאָט „אשמנו" פאַר אויסגעטראַכטע זינד,
און וואַרפסט מיט גרויל אַרומיק דיינע לעצטע בליקן...

זע איך: פון געשריי דיין ווערט דער הימל צונטער־רויט
און נעמט אין פיבער־שאַנדע זיך עפענען און שפּאַלטן;
וואַרפט גאָט אַראָפּ אַ גואל, אַזאַ ערגער־נאָך־פון־טויט,
ער זאָל אויסלייזן פון ליידן דיך — זיין קנעכט דעם אַלטן...

דעם קנעכט, וואָס האָט פאַרדינט זיך, אין נאָמען פון פיל דורות
אויסגעלייזט צו ווערן דורך תפילות און געבעטן...
און לעבנדיק אין דחקות און אין מורא פאַר עבירות,
אין תענית נאָך גאולה, געלאָזט זיך שענדן טרעטן...
— — — — — — — — — — — — — — —
נעמט אויסלייזן דער „גואל" און לייזט אַלץ אויס און לייזט,
און ס׳קלינגט אין זיי „גאולה" אַ חיה׳דיק געברומען:
— אַ סוף צום אַלטן בעטלער, וואָס רודפט זיך מיט טרייסט,
און אייביק נאָר מיט טענות צו וועלט און גאָט טוט קומען! — — —

— אַ סוף צום כיטרען קריפּל פון דעות פיל און יללות
וואָס טוט ניט קיינמאָל שטאַרבן און טוט אויך קיינמאָל לעבן!...
— אַ סוף צום קוואַל פון טרערן, פון מרה־שחורה, קללות,
אתה־בחרתנו, ווידוי, תהלים־שטרעבן!!!
— — — — — — — — — — — — — — —
ברויזט אַזש די נאַטור אויף, דערשרעקט זיך, ווערט נתפּעל,
מיט בלוטיק־הייסע טרערן צעווײנט זיך מאַמע־ערד;
און ס׳גיסט זיך אויס דאָס וועלדל אין לעצטן „שמע־ישראל", —
פאַרנעמט עס גאָט אַלץ רויק, קוקט זיך צו און הערט...
— — — — — — — — — — — — — — —

...און ביסט אויסגעלייזט געוואָרן!... נאָר, ר׳ אריה, אומעטום
גייט מיך נאָך דיין בלאַסקייט און קוקט מיט אויגן־לעכער
און טריפט הכנעה׳רחמים׳דיק און בעט זיך עפּעס שטום,
עפּעס אַזאַ זאַך, וואָס איז ווי דו, פון אַלעם העכער...

און ס׳שפּרייזט מיך נאָך יתומיש דיין שלוכציקער געוויין
און מאָנט שטיל, ווי אַ לווה, מיט אַ נעילה׳דיקער תפילה,
און לאָזט אַלץ ניט פאַרגעסן, ניט נאָר ר׳ אריה דיך אַליין,
נאָר אויך די גרויסע „גאולה״, דיין גאָט און זיין מחילה...
— — — — — — — — — — — — — —

אתה בחרתנו

אתה בחרתנו, גאָט... דו האָסט מיך אויסדערוויילט צו ליידן,
צו פּיין סבלנות׳דיקן, קידוש־שם און שרעק;
דו האָסט מיט דעם געבענטשט נאָך לאַנג מיין אַלטן זיידן, —
בעט איך דיר אַצינד: — גענוג מיט דעם! אַן עק!!!

אַן עק, כ׳וויל מער ניט זיין קיין אתה־בחרת׳ניק
און דור־איין דור־אויס צו טראָגן נאָר דיין צער;
לא מדובשך, גאָט! — כ׳האָב גענוג, זיי מוחל מיר, דיין האָניק...
און נאָך ווי גענוג, אָ, גרויסער, גרויסער האַר! — — —

ניין! כ׳בין טאַקע ניט מקנא יעדע ברוינע חיה,
נאָר גלייך, פאַר אַלע גלייך דיין צאָרן אָדער גנאָד!
קלויב אויס אַ צווייטן שוין; — זאָל נאָך עמיץ זיך זיין מחיה! —
זיי מוחל מיר מיין העזה׳דיקע חוצפּה, גרויסער גאָט! — — —

יאָ, יאָ, קלויב אויס! זאָל נאָך עמיץ דעם טעם פאַרזוכן,
ווי גוט צו זיין עס איז אַן אויסדערוויילטער קנעכט,
און מיר, אַלמעכטיקער, שענק אַ ביסל פּשוטע מנוחה —
צו זיין אַ מענטש אויף אַלגעמיינע מענטשן־רעכט! — — —

באַלאַדע פון דער באָבע שרה

ווער ווייס וועלכע זכותן, ווער ווייס וועלכע נסים
זיינען דאָך בייגעשטאַנען שרהן אין נויט,
וואָס ס׳האָט איר דער שטורם אויך ניט מיטגעריסן
און זי האָט פאַרמיטן דעם בראַנדיקן טויט.

אויף ברעג פונעם שטעטל ז׳איר שטובל געבליבן
אויסגערויבט פון דלות און יידישן חן;
די רוצחים האָבן אַלעמען צו דער שחיטה געטריבן,
וואַסילקאַ דער „סאַלטוס״ ט׳געהאָלפן אַליין. —

דער זעלבער וואַסילקאַ, באַקאַנט אַלס „כאַבאַרניק״,
און נאָר פאַר אַ „גלעזל״ אַ יידישער פריינט...
איצט ט׳ער געשמייעט פונקט ווי אַ „פאָזשאַרניק״,
געהאָלפן אין „שריפה״ דעם בלוטיקן פיינט...

*

נאָר שרה׳ן — אַז ס׳איז איר באַשערט געווען יאָרן, —
האָט זיך דערבאַרמט איר „שכן״ יאַקים
און זי איז זיין „נאָענטע קרובה״ געוואָרן —
צו פּאַשען זיין סטאַדע חזירים ביי אים...

ער האָט זיך דערבאַרמט... געהערט איר בטחון:
— יאַקימקאָ, יאַקימקאָ נעם אַלץ, אַלץ אוועק;
איך שענק דיר די חובות, מיין טייערער שכן,
עס גלוסט זיך דערלעבן און זען כאָטש דעם עק ———

האָט טאַקע יאַקימקאַ, דער „טייערער שכן״,
מיט אָפּקען זיין גויע און זונדל יאַרמיי,
אויסגעראַמט אַלעס, דעם חוב אויסגעשטראָכן,
„צורעכט״־מאַכנדיק ס׳קלייטעלע פון „באַקאַליי״...

פון זיידנס און צירונג ביז יום־טוב׳דיק יאַקל,
פון אַלטער קאַפּאָטע ביזן זייגער פון וואַנט —
געמאַכט האָט יאַקימקאָ מיט פרייד אַ סך־הכל,
געלאָזן, פּאַוואָליע, אָן ציטער אין האַנט...

דערפאַר ט׳ער געשענקט איר ביי זיך פאַרן אויוון
א שטיקעלע ווינקל און „פּאַלניצע״ ברויט...
— „ניט שרעק זיך סאַרוניאַ, כ׳וועל זאָגן אַ קרובה
און אלט ביסטו — סיוויי וועט קומען דער טויט!...״

*

בייטאָג האָט געפּאַשעט סאַרוניאַ די באָבע,
ביינאכט ניט געשלאפן, געוואַרט אויפן טויט...
פאַרטאָג פלעגט זי אויפשטיין צוזאַם מיט כודאָבע,
די „פּאָסטאָלעס״ מיט — און אוועק שטילערהייט.

ווייט, ווייט אינעם פעלד מיט דער סטאַדע חזירים
פלעגט שרה פאַרבלאָנדזשען פון פּאַסטוכערס אויג;
פאַרהיילט פון געלעכטערס און פּראָסטע מזמורים
פון שקצים מיט שיקסעס ניט ווייט ביי א סטויג.

אפטמאל פלעגט אויך שרה א פייער צעפירן,
ווי ס׳האָט עס געטון יעדער פּאַסטוך אין פעלד,
און לאַנג אויף די פלעמלעך געקוקט מיט יסורים,
אינגאַנצן פארזונקען אין אנדערער וועלט...

וועד ווייס וועלכע וועלטן האט זי אזוי געאַרמט,
זיצנדיק ביים פייער אין שטילקייט פון פעלד;
ווער ווייס וועלכן טרוים ט׳זי אין האַרצן געוואַרמט,
ווער ווייס ווי דעם מארגן זי ט׳זיך פארגעשטעלט ———

זי איז געזעסן... די אויגן אָן טרערן,
ווי ס׳זיצט אַ פאַרדאַרטער, פאַראיינזאַמטער פיען...
— „ס׳איז דאָ דאָרט אין הימל ווער ס׳זעט און טוט הערן!...״ —
מעגלעך אז דאס איז איר טרוימען געווען!

און אפשר האָט שרה גאָרניט געטון קלערן,
דער מוח איז ליידיק געווען, אָן געדאַנק...
ס׳צעבראָכענע האַרץ ז׳געווען פוסט פון באַגערן,
די געפילן אָן מינדעסטן לעבנס־פאַרלאַנג.

און גלאַט נאָר אזוי ט׳זי געקוקט אויפן פייער,
ווי ס׳פלאַקען שפּענדלעך אָט־סתם אין דער וועלט...

אונ ס׳איז איר גראָד גוט געווען אין יעדע שעה טייער, —
זי וואלט דוכט זיך אייביק געבליבן אין פעלד! — — —

די הימלען די בלויע און האָריזאָנטן די ווייטע,
די שטילקייט פון פעלד און דאס טייכל וואס פליסט,
דער וואַלד וואָס דערנעבן און לאָנקעס די ברייטע —
זיי האָבן אויף זיכער שרהס טרוימען געוווסט — — —

*

ס׳האָבן פאַסטוכער לאַנג שוין די פעלדער פאַרלאָזן,
מיט רויטקייט די זון האט דעם הימל פארפלעקט;
א ווינטל האט די פארגעסענע פייערלעך צעבלאזן,
דער טוי האט מיט זילבער די גראזן באדעקט. —

פון ווייטן האָבן קוימענדלעך געדעמערט אין רויכן,
צעלייגט זיך אַרומיק מיט פויערשן חן;
די לבנה ט׳געגומען אין הימל זיך בלייכן, —
ערשט שרה ט׳געכאַפּט זיך: „אַהיים" דאַרף מען גיין! — — —

*

אין ווינטער־פאַרנאַכטן פלעגט שרה אויך שפּינען
די פלאַקסן קודעליעס מיט אַפּקען צוגלייך,
געוווסט אויך צעצינדן „סוועטילקעס" באַגינען
און גיין „פּראַטשען" וועש מיט די גויעס צום טייך.

נאר פרייטיק־צו־נאַכטס, ווען עס האָט אַלץ געדרעמעט
אין שטוב ביי יאַקימקען אין פרידלעכן כראָפּ,
פלעגט שרה די אלטע מיט טריט פון א גנב,
פון ליימיקן אויוון, צעשראָקן אַראָפּ.

פון איר ליינענעם קלייד־טאש א שמץ „הבדלה"
ט׳זי שטיל אויסגענישטערט מיט בלאסן געזיכט...
פאַרדעקט זיך דעם קאָפּ און מיט שעפּטש, ווי אַ קללה,
זאל קיינער ניט מערקן, געבענטשט האט זי ליכט...

*

נאכדעם פון בוזעם דערלאנגט א „צאינה",
לאנג, לאנג זי געבלעטערט, געקושט און געדריקט...
— „אין דיר גלויב איך גאָט פון צאינה־וראינה" —
האבן די טרערן אין האלדז זי געשטיקט.

און לאנג האט געוויגט זיך איר שאטן אין דרעמל,
און ס׳האָבן פון ווענט די איקאָנעס געשטוינט...
בלויו רגעים האט שרה געקוקט אויפן פלעמל,
אין שרעק עס פארלאשן און שטיל זיך צעוויינט...

*

אזוי האט זיך שרה געלעבט ביי איר שכן,
אַזוי אויסגעטראָגן איר פיין שטילערהייט,
און ס׳האָט איר קיינמאָל ניט פאַרלאָזט דאָס בטחון,
אז גאט וועט באצאלן פאר יידישע לייד...

גאט אט דער גאט פון „צאינה־וראינה״,
צו וועלכן זי תפילהט שוין צענדליקער יאָר;
זי האָט שוין אַליין באַלד פאַרגעסן פון ווען־אָן,
דוכט זיך אַזוי גאַנצע טויזנטער יאָר!———

— —

...נאר וואס קומט ארויס,—אט איז אלץ שוין פאריבער.
און ס׳האָט זיך געענדיקט יענע פינסטערע שעה;
עס ליגן די ליבסטע פארקברימט אין גריבער,
בלויז וואַסילקאָ דער „סאָלטוס״ ז׳געווען און ז׳נאָך דאָ...

—„פארוואָס זשע שווייגט גאט, אט דער גאט פון „צאינה״?
ווו איז זיין נקמה? ווו איז זיין באַשטראָף?
צי זיינען ניט דערגאַנגען צו אים אַלע פיינען
און ענגען געבליבן אין פוסטן אָן־סוף?———״

*

שוין טאקע אין איר שטובל און מער ניט ביים שכן,
זיצט שרה עלנט און רעדט צו איר נויט:
—„אַך, ווי מיר גוט ז׳געווען דאַן, אין בטחון...
און איצט... אָן נקמה... שוין בעסער דער טויט!...

*

נעמט שרה אַרויס יענע שמץ־הבדלה,
צעצינדט פונקט ווי דעמלט מיט ציטריקע הענט;
זוכט אויס די „צאינה״ און מורמלט א קללה,
נאָכדעם צינדט־אָן זי און קוקט ווי עס ברענט...

און ווען ס׳האט דערפלעמלט אין אש ס׳לעצטע בלעטל,
געטונקלט האָט בלויז די הבדלה פאַרטראַכט,—

האט שטומערהייט שרה געלייגט זיך אויף איר בעטל
און אָן תפילה, ניט ווי תמיד, די אויגן פאַרמאַכט...

*

...אויף מארגן דער ווינט האט געפונען א טויטן
דעם קערפער פון שרה׳ן מיט גרויען פאַרטאָג,
עס האט די הבדלה געצאנקט בלויז א רויטע —
האט ווינט ניט פארלאשן און קדיש געזאגט — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

פרעג ניט פארוואס

פרעג ניט פארוואס כ׳זע אלץ אין אזעלכע פארבן,
פרעג ניט בעסער, כ׳בעט דיך, אוי ניט פרעג! —
דען וויפל מאל האב איך אין לעבן מיין געשטארבן
אַז כ׳וואונדער זיך אַליין גאַר וואָס איך לעב! — — —

דו מיינסט מיין ליד איז בלויז דער שפיגל פון מיין טרויער
און מוטיק אַ געזאַנג דאַרף זיין, ניט מער! —
וויל איך חבריש א סוד דיר זאָגן אויפן אויער:
— יעדע טרער מיינע ז׳אַ ליד און יעדע ליד אַ טרער! — — —

כ׳וויס אויך: פאַרן פאַרהאנג פונעם גורל ענגט א לעבן, —
גאַר איך טאקע עס דערלאנגען מיט דער האנט;
מיין לאַוויק ליד איז דארט און טוט זיך דארט פארוועבן
אין אָנגורט צו צעברעכן יענע שטומע וואנט.

נאר ווו געדולדיקייט אין טעג אין קאלטע צו געפינען,
ווו אַ קאַפּעטשקע כאַטש ווען אַרומיק איז אַלץ פריר — — —
צי ריכטיק זיין וואָלט פרייען זיך מיט גרוי־באַגינען
און חושך טרויריקע צו אנרופן: „זעפיר״!?...

זאל זשע אומעט פון מיין קלאנג צעגיסן זיך אין בענקונג
און אין דערמאָנונג אומזוימען אַיעדעס אַייזיק הארץ,
און כאטש דער אומהיים־קלאנג וועט זיין א בייזע קרענקונג —
וועט אויפגיין ליכט און גוטס פון וואָרצלדיקן שמאַרץ — — —

ווּ?

ווּ פאַרשוווּנדן זענט איר יידן פון אידילישע וואָלין־פּאָליעסיער
שטעטלעך,
יידן האָרעוואָלניקעס, פּראָסט־האַרציקע און גוטע, סתּמע יידן;
וועלכער בייזער שטורם האָט פאַרוויכערט אייך ווי דאַרע יעסיען־
בלעטלעך,
וועלכער גרומער גייסט האָט אָפּגעמעקט אייך און פרי־צייטיק גאָר
צום גרוב געטריבן?

*

ווער דענקען קאָן און ניט דערמאָנען אייך, אָ, ווער גאָר וועט פאַרגעסן
אייער אויסגעאַשטע תּמימות'דיקייט מיט פאַרלוירענעם טאָג־איין
טאָג־אויסיק שטרעבן;
מיט אייער שמח־בחלקו'דיקייט ביז צוּ דריי מאָל טעגלעך בולבעס עסן
און דאַכטן: אָסור אויב גאָר זינדיקן מען מעג, אז דאָס הייסט
שווערער לעבן! ———

*

איר האָט קיינמאָל גרויסשטעטיקייט חלילה ניט געווען מקנא
אָט אַבי אַ דאַך, אַ שול און נאָך דערביי אַ ביסל צוגעוואַנדלט...
אַבי ביי זיך אין אייגן שטעטל און ס'דאָ אַ מגע־משא מיט איוואַנען, —
אַ ביסל חזיר־האָר, אַ פעלעכל און דאַרע גריבעס אויסגעהאַנדלט...

געלעבט האָט איר מיט דאַנערשטיקס, מיט מאָנטיקס און
„יאַרמאַרקעס" —
טעג צעשמייעטע, צעגליקלעכטע, ווי גאָר ניטאָ ביי קיינעם;
דאַן האָבן אויפגעלעבט די קרעמלעך אַייערע און הייסע
„הערבאַציאַרקעס"
מיט פדיון גראָשיקן פון שיכורדיקע גויים־קונים ———

*

ווּ, אָ, ווּ זענט איר אַהינגעקומען מאַמעס חושכדיקע, צאָרעדיקע,
בלייכע,
מיט אייער באַרעדעוודיקייט, קינדלדיקן זשוּיב און יאָכערייען
טראָגן;
מיט אייער בליק פון אויגן יידיש־וואַרעמע, גוטמוטערשע און ווייכע,
מיט אייער אָפט נאַאיווער קנאה און אין נויט חלילה גאָר רחמנות־
האָבן? —

ווו זענט איר — איר דעמבענע בחורים, אַנגעלייענטע מיט
ענגעלס, מאַרקס און פּרץ,
מיט אייערע „גוליאַניעס" אויף דער לאנגער בריק און „קריטיקעס"
אין מיטן מאַרק דעם ברייטן;
מיט אַייער חל־המועד׳יק חתנ׳ישקייט, און געשייטן, יחוסדיקן
דרך־ארץ,
מיט אייער זיך „אוכאַזשעווען" און דראַנג ארויסרייסן זיך פון
די קייטן...

*

ווו איר אהינגעקומען זענט — איר טעכטער צנוע׳דיקע פון יחוס־
שטאַמיקע יחסנים,
מיט אַייער אַנשטיין און ניט אַנשטיין מיט אַבי־ווּעמען „ארומגיין"...
מיט אַייער קליינשטעטלדיקייט און רויטלען זיך ביים אַנקוקן חתנים,
מיט אייער „פאַנטעס" שפּילן און נאָכער מורא האָבן שפּעט אַליין
אַהיים גיין — — —

*

ווו איר — קינדער טייערע אָפּט באָרוועס־נאַקעטע געכאָוועט און
דערצויגן,
געוואָקסענע „ווי אויף אויוון" — אויף די לאָנקעס און זאַמדן פון
וואָלין־פּאָליעסיע;
אייער שטענדיק טומל אין די געסלעך הער איך נאָך גאַנץ
פריש און ס׳בעלמעט פאַר די אויגן
פנימלעך געבלייכטע, אויסגעווייקט פון דער גמרא אָדער אָפּטן
ניט דערעסן — — —

*

ווו זענט איר אלע, ווו? וועלכער שטורם האָט פארווייעט
סטעזשקעס אייערע, אָ, וועלכער וויכער?
וועמען זענט איר שולדיק גאָר געווען אייער באַשיידן קיומדיקן וועזן?
איך פרעג עס ניט ביי אַיך נאָר ביי דער קיינערדיקייט, ווייל איך
ווייס, כ׳בין זיכער:
ניט זיין וועט יידיש לעבן מער אויף ערד גאַווריליטשער,
פאַר׳קללה׳טער פון גרויאיקע וואָלין־פּאָליעסיע.

— — — — — — — — — — — — — —

משפחה

מיין קינדהייט, כ׳האָב פאַרביק, אָן דאגה פאַרבראַכט,
כסדר געשטיפט כ׳האָב — געזינגען, געלאַכט.

אָפטמאָל געוויינט אויך, — נאָך וועלכער געוויין! —
פון וואָס כ׳האָב געוויינט, — ניט געוווּסט כ׳האָב אַליין...

א מאל האט די מאמע באליידיקט מיט „ניין״,
אַ מאל האט דער טאַטע ניט געוואלט דיר פארשטיין...

*

די שטוב איז אַ זשוּיביקע תּמיד געווען,
אַזאַ גליקלעך געפילדער האָט ווער נאָך געזען!...

*

האָבן מיר — קינדער, זיך ניט פאַלאדעט ביים שפּיל,
האָט ניט געהאָלפן דעם טאַטנס „זייט שטיל!״

דער מאַמעס באַקלאָגן זיך: „כ׳בין שוין פון אייך דול״, —
די שטוב איז געווען מיט אונדז רודערדיק־פול — — —

*

אַ מאָל האָט דער טאַטע אויך אַ פּעטשל געשענקט, —
איז גוט געווען: ס׳האָט עס דער מאמע געקרענקט...

*

וויפל צרות טאַטע־מאמע האבן געהאט אויסצושטיין
פון קינדערשע פריידן, קאַפּריזן און געוויין;

איינס דאַרף אַ מלבושל, אַ צווייטס שניידן זיך ציין
און א דריטס און א פערטס דארף אין „חדר״ שוין גיין — — —

*

ס׳איז געווען מיט וועמען לויפן אין פעלד יעדן טאג,
און מיט וועם אויף גלעגער זיך צעווערטלען פאַרטאָג — — —

*

און ווען שפּעטער, נאָך יאָרן, צעשיידט זיך האָט מען —
איז געווען וועם באזוכן און מיט וועמען זיך זען,

*

ס׳איז געווען וועמען איבערגעבן א ליבלעכן גרוס
און פאָרן צו געסט אויף אַ שמחה, אַ ברית — — —

*

ס׳איז געווען פאַר וועמען זיך באַרימען, — ניט מיט געלט, —
נאָר מיט חכמה און שיינקייט, וואָס האָט ניט געפעלט,

מיט: „קוקט נאר אָן ס׳אוצרל ווי ס׳גייט שוין און קוועלט...״
און „מיר זאל דאס זיין — עס איז קלוג ווי די גאנצע וועלט!...״

*

אמאל ז׳דאס געווען אלץ, אמאל, אוי אמאל...
אָ, ווער קאָן גאָר אויסרעכענען יענע פריידן אָן צאָל!

ווען כ׳זיץ און איך טראַכט איבער דעם יעדעס מאָל,
גלויב איך: א מענטש איז נאך שטארקער פון שטאָל...

ווו איז די משפחה? — כ׳בין געבליבן אליין,
עלנט און איינזאם, ווי א פארוואָרפענער שטיין...

ניטא ווער ס׳זאל מיטפילן, ווער עס זאל פארשטיין,
ניטא ווער ס׳זאל טרייסטן אין יאָמער־געוויין...

ניטאָ ווער ס׳זאָל שרייען: „נו קינדער זייט שטיל!״
ניטא ווער ס׳זאָל זאָגן: „איך בין שוין פון אייך דול!...״

ניטא צו וועמען פאָרן אויף שמחות אפטמאל,
ניטאָ אפילו מיט וועמען זיך צעווערטלען אַמאָל...

— — — — — — — — — — — — — —

פארלעגנהייט

אז מיט מזל ס׳וועט ביי מיר א קינד געבוירן
און ס׳וועט כאטש טיילווייז פארגיין מיין טיפע ווונד, —
ווייס איך גארניט, צו מיין גרויס באדוירן,
נאך וועמען כ׳זאל א נאמען געבן ס׳קינד, —

צי נאכן זיידן, באבע, אדער גאר נאך טאטע־מאמע, —
מיין ווונטש באַהערן זיי איז זייער שטאַרק און הייס;
צי אפשר נאך די שוועסטער־ברידער, צי אלע גאָר צוזאַמען, —
דאס צעטל פון די „על השלומס״ איז דאך זייער גרויס! — — —

*

און יאָ, אַז ס'וועט ביי מיר אַ קינד געבוירן,
וועלכע שלאָף־ליד זאָל איך דאַן זינגען אים? —
די „ציגעלע" איז אַלט שוין און צום גרויס באַדוירן,
גאַרינט צוגעפּאַסט היינט צו מיין זשאַנר און שטים...

מיין קול איז הייזעריק און קאָן ניט מער שוין קלינגען,
כאָטש לידער ווייס איך שיינע גאָר גענוג...
טאָ וועלכע שלאָף־ליד זאָל איך פאַר מיין קינד דאָך זינגען,
ווען טריב כ'וועל זיצן ביי זיין קינדיש וויג? — — —

אין קרעמאַטאָריע־אויוון

ווער ס'האָט אַ קרעמאַטאָריע מיט די אויגן געזען
דער האָט די קלאַנגען לאַנג, לאַנג שוין באַנומען
און איך — כאָטש אליין כ'בין אין אויוון ניט געווען, —
האָב אַ־די מעשה פון פייער געגומען.

עס ברענט דער קרעמאַטאָריע־אויוון און צישעט,
און העשעט מיט פלאַקער, און צישעט און דישעט,
ווי טויזנטער חיות זיך וואָלטן צעיושעט,
ווי ס'וואָלט דאָ אַ קעסל מיט פלייש זיך געטושעט.
ווי הונדערטער גיהנומס אין טויזנטער גראַדן
זיך וואָלטן פאַרשפּרייט דאָ מיט טויט־גאַז, טשאַדן,
ווי אָן אַ שיער טויטן זיך וואָלטן פאַרזאַמלט
און שטיל אויף טויט־לשון עפּעס געשטאַמלט...
— האַ־האַ! האַ־האַ! — — — — —
— שאַ־שאַ! שאַ־שאַ! — — — — —

*

אַ מענטש־מלאך־המות — דער „שיבער פון טויט",
שיבט די סקעלעטן אין אויוון, ווי ברויט...
— נאָך איינס און נאָך איינס און נאָך איינס אַריין!
— נאָך איינס און נאָך איינס און נאָך איינס אַריין! — — —

*

אָט פליט אַ סקעלעטל — אַ הויט־נאַר־און־ביינער,
מיט פּוסטן געביילטע און פאַרקריצטע ציינער...

א ייד — מען דערקענט אין דער נאז און אין בארד...
אויף ליפן די בלויע פאַרשטאַרט האָט אַ וואָרט
פון קללה ניט דערזאגטער אדער תפילה גאר, —
פאר פחד זיך האבן געשטעלט אים די האר...
ס'שיינט אלע יאר ט'ער אין ליידן געלעבט
און קומען צו קבר־ישראל געשטרעבט,
נאר שטארבן פון שריפה זיכער ניט געקלערט, —
אזוי אום יום־כיפור מסתם אים באשערט! — — —

*

נאך אים א סקעלעט־פרוי — די אויגן צעטראָצט,
וואס האבן פון צווייפל און שרעק זיך פארגלאָצט;
מיט ליפן פון יאָמער און שרייען — פאַרקרימט,
די האָר אָפגעשוירן — צו מאַטראַצן באַשטימט;
די ברוסטן צעקיילטע — א קינד ניט דערזויגט,
פון גסיסה־קאָנווולסיעס — פיס אויסגעבויגט;
פינגער פאַרקלעמטע פון הענט — אויסגעדאַרט,
וואס האבן אין תחינה'דיק גרויל־בראָך פארשטאַרט...
דוכט זיך: זי וואלט נאך פון לעבן געדאַכט, —
ווערט אבער שנעל אינעם אויוון געשאַרט — — —

*

אַ יידענע־סקעלעט — אַ באָבע ווייזט אויס...
מ'דערקענט — פון אַ גוטער געשטאַמט האָט זי הויז;
איר יחוס אין יידישע קנייטשן מען זעט,
כאטש שיינט שוין צו זיין גאר אַן אלטער סקעלעט...
איר עלטער אין תחינות האָט זי אויסגעטריבט
און דאָ — גאָר אין אויוון אויף גיך ווערט געשיבט...

*

אָט קומט אויך אַ בחור — אַ בליענדע רויז, —
געטויטעט דורך חניקה, — אָ, אומגליק ווי גרויס! —
געשיינט האט ער זיין גאָר א קרעפטיקער מאן
און בעסער צו שטארבן אלס העלד־פאַרטיזאַן! — — —

*

נאך אים גייט א מיידל צי א כלה גאר,
אָדער ניט לאַנג אַ פאַרהייראַטע פּאָר...
מען זעט זי ז'די „מיסס" פון איר שטעטל געווען,
נאר אָ, ווער קאָן וויסן ווי ס'אומגליק ז'געשען! — — —

*

אַן עופּהלע־קינד, — ערשט־אין־גאַזן דערשטיקט,
פון עפּעס אַן אָרעמער מאַמע ניט דערוויגט,
אויפגעקרומט ס׳מיילכל, אין אומשולד פארטריבט —
ווערט אויך צוזאַמען אין אויוון געשיבט...

*

נאָך זיי קומט אַ גוף אין אַ קרייץ אוסגעריסט,
לויט וואָנץ מען דערקענט — אַ ציגיינער צי קריסט;
נאָר ס׳מאַכט ניט דער פייער קיין שום אונטערשיד,
אַבי אַ סקעלעט — מעג אויך זיין ניט קיין ייד! — — —

*

אזוי ברענט זיך לאנגזאם סקעלעט נאך סקעלעט
און קאַפּטיעט און שרפהט אין פלאַמען־געבעט...
און ס׳פלאקערט און בראַט, און עס העשעט און צישעט,
און צישעט און טושעט, און טושעט און דישעט:
— ציש־האַ! דיש־האַ! — — —
— האַ־האַ! האַ־האַ! — — —

— — — — — — — — — — — — — —

נאר אלץ דאס טוט קיינער ניט הערן, ניט זען,
גלייך ס׳וואלט אין ערד־בויך באגראבן געווען...

*

און דוכט זיך ווי ס׳וואלט דא דער פייער גערעדט
מיט צונטערנע רחמים צי אויסלאָך־געשפּעט:
— עט, עט, עטטעט,
עט, עט, עטטעט!
ס׳איז גאר געווארן מיין האלץ — דער סקעלעט!?...
— אַך, אַך, אַך, כאַך,
אַך, אַך, אַך, כאַך!
ווען איך וואָלט פאַרשטיין געקאָנט מענטשלעכע שפּראַך!
מענטשלעכע שפּראַך?!...
זינט פייער האָט זין, זינט פייער איך בין,
האב איך גאר אזעלכס נאך קיינמאל ניט געזען!...
וואס איז דא געשען?
אוי, וואס איז דא געשען!? —
אמאל האט דער מענטש זיך מיט גרויסקייט גערימט
און איבער די חיות מיט חכמה בארימט...

מיט שלאַנקייט פון קערפּער געגרויסט ט׳זיך די פּרוי,
מיט הענטלעך געטאַקטע — דאָס קינד אויך אַזוי,
און איצט... אָ, צי האט עס דען מינדעסטן ווערט? —
א מענטש איז דער עקלסטער מין אויף דער ערד!...
אומזיסט נאר מיט זיך מאכט ער אָן אזא רעש,
ער האָט ניט די ווערט אויך זיין קופּקעלע אַש...
און צי האָט דען דער הימל אַזעלכעס געהערט? —
א מענטש צי א מנוול ט׳מיין קדושה פארשווערט,
מיט חוצפּה געגנבעט מיך, ווי... פּראָמאָטעאוש,
בכדי איך זאל מאכן א סוף צו זיין יאוש —
מאך איך א סוף!
א סוף!!!
שפּיי איך און צונטער מיט צונגיקע פלאַמען,
אלץ צו פארווישן, פארניכטן צוזאמען...
א סוף!!!
א סוף צו דער משונהדיק־ארעמער בריה!...
א מענטש? — אָ! מיר אויכעט א גרויסע מציאה!...
— ציש־האַ דיש־האַ!
— האַ־האַ! האַ־האַ!

ברען איך און קראַך,
בראָט איך און לאַך:
— האָ־האַ! כאָ־כאַ!
— כאָ־כאַ! האָ־האַ!

אהער! אהער!
העי דו צוואנציקסטער, גרויסער יארהונדערט!
יארהונדערט פון וואונדער!
יארהונדערט פון טעלע־און־פאַטיע,
פון יאוש און אַפּאַטיע!
פון ראַדיא און אַטאָם,
פון חכמה און תהום!
שטעלט אויס זיך אין רייען, איר קאַנטן און שפּינאָזעס!
מיט אייערע תורות און דענקענדע העזות!...
קאָפּערניק און מאָצאַרט, שאָפּען און פלאַטאָן!
אין דער ריי, אין דער ריי, אָט־אָ־דאָ אויבנאָן!...
און דו וואס באהאלטסטו זיך דארטן ניוטאָן?
וואס? אפשר שטייט דיר די מעשה ניט אָן?...

שנעלער, שנעלער, אהער אין דער שורה!
קוקט אייך נאר אָן וועלכע האט איר דא צורה!...
און דו דארט איינשטיינדל און קלייניטשקער היינע —
דורך אייך איז דער בראָך דאָך, איר יודן געמיינע!...
העי, געטע און שיללער! דאַרווין און שעקספיר!
און נאך דארטן טויזנט אזעלכע ווי איר!...
המ... און דו מארקסל מיט דיינע טעאריעס, —
ביי מיר טויגט איר אלע אויף צען טישטשי... קרעמאטאריעס!
איר האט ניט די ווערדע קיין בלייערנע פייל
פאר א קליין „לעבענסראום" און היטלערשן „הייל".
ווער זענט איר — ניט מער דאָך ווי דאַרע סקעלעטן,
איבער וועלכע עס לוינט זיך איצט גאָרניט צו רעדן, —
טאָ מאַרש! מאַרש אינעם אויוון אריין!
דאָננער־וועטער!... אַררריין!!! — — — — — — —

*

און ס׳פלאַקערט דער פייער, און ס׳פלאַמט לאַנג דער פייער:
— ביי מיר איז אלץ גארניט און גארניט ניט טייער!
ווייל מיך האָט צעצינדן אַ מענטש צי אַ חיה,
א מענטש צי א חיה?...
אך, ווי איך בין זיך מחיה,
מחיה! — — —
האַ־האַ! — — —
האַ־האַ! — — —

*

און ס׳וואָלט ווי די גאַנצע קרעמאַטאָריע גערעדט:
— ס׳איז נמאס דער קבר מיר זיין פון סקעלעט;
זאגט מיר, איך בעט אייך, פון וועלכער טעאריע
האט גענומען מיך יענער צו אנרופן „קרעמאטאריע"?
געווען בעסער קרוינען מיט „אויטאָ־דע־פע",
איך וויל גאָרניט זיין „קרעמאַטאָריע" — פע!
פע־פע־פע־פע!
הע־הע־הע־הע!
פאר וועלכע עבירות
דאַרף איך בלייבן דאָס שאַנד פאַר די קומענדיקע דורות?
און ס׳שיינט מיר: כ׳האָב אלץ שוין אַריבערגעשטיגן,
און אויטאָ־דע־פע קעגן מיר איז אַ ליגן...

און איך... איך קרעמאַטאָריע...
נאר צו וואס זיך פארנעמען מיט טעאריע־שמאָריע? —
אהער, אהער!
און קיין רייד מער!!!
ציש־האַ! — — —
דיש־האַ — — —
האַ־האַ!
האַ־האַ!

*

אזוי העשט דער קרעמאטאריע־אויוון און צישעט,
און צישעט מיט פלאקער, און צישעט און דישעט.

ארום שטייט די לופט אין א מענטשן־געשטאַנק,
און ס'פיבערט דער הימל א רויטער, ווי קראנק...
און ס'צישעט אויך ווילדיק אין דרויסן דער ווינט,
גלייך ר'וואלט געוואָיעט: „אוי ווי איז מיר און ווינד",
עס איז מיר שוין נמאס צו צעטראגן דעם אש,
וואָס ווערט אויסגעמיסטיקט ניט ווייט דאָ אָן רעש...

*

און ס'גנבעט אַריין זיך פאַרצווייפלט דער טאָג
און שטוינט: „אוי א בראָך, אוי א פלאָג, אוי א קלאָג!...
וואס זע איך?... איך האב נאך אזעלכס ניט געזען!...
וואס איז דא געשען?
אוי וואס איז דא געשען?!
גוואלד, איך פיל ווי איך ברען!...
ווי איך ברען... ווי איך ברען...
איך ברען — ניט ווייל ס'בריט מיך און בראַנדט מיך און בראָט...
נייך, אָ, אַלמעכטיקער גאָט!
פון ווען אזא שפאס? —
עס בריט מיך פאר בושה פאַר שאַנדע, פאַר צאָרן און האַס! — — —

עלנט

ס'וויל קיינער צו מיר מער ניט קומען,
כ'טוט קיינער ניט עפ'נען מיין טיר;
אפילו דער ווינט וויל ניט ברומען
און פייפן אין קוימען ביי מיר...

עס בענקט זיך ווייזט אויס אים נאך לעכער
פון פענסטער מיט שמאַטעס פאַרשטאָפּט;
נאך יידישע הייזקעס מיט דעכער
פון שינדלען צעפוילטע פארקלאָפּט...

דער דלות — אויך ער וויל ניט קומען
אַ קוק טון וואָס מאַך איך אַצינד;
ער וואלגערט זיך ערגעץ אין קומער,
פאַרוויינט, ווי אַ בלאָנדזשעדיק קינד...

צי אפשר ר׳זיצט „שבעה״ אויף קברים,
א יתום, ווי איך ר׳איז אליין...
און בענקט נאכן שראנקל מיט ספרים,
פאַרשטויבטן מיט יידישן חן...

אויך ער, דער „טשערקון״ וויל ניט גרילצן
זיין אַלטע, ביינאכטיקע ליד;
עס פעלט אים מיין מאמעס טיף־זיפצן,
ווען זי פלעגט נאר איינשלאפן מיד...

ער בענקט נאָך אידילישע ווינקלען,
נאך גזימס פונעם אויוון ביינאכט,
ווען לבנה דורך שויבן פלעגט פינקלען
און שטילקייט זיך שפרייטן פאַרטראַכט — — —
— — — — — — — — — — — — — —
ס׳וויל קיינער צו מיר מער ניט קומען,
ס׳טוט קיינער ניט עפ׳נען מיין טיר;
אפילו דער ווינט וויל ניט ברומען
און פייפן אין קוימען ביי מיר...

ביים לעצטן פאל

כ׳פאַרבעט צו זיך אויף בעטל די פאַרטאָגן:
טאגן! זאל שוין אנהויבן צו טאגן!
זאל שוין!
זאל שוין!

זאָל איך מער מיט האַרצווייטיק ניט דאַרפן זאָגן,
אז כ׳קען די פינסטערניש ניט מער פארטראגן,
כ׳קען ניט!
כ׳קען ניט!

נאר ס׳דעקט נאך מער די נאכט מיך מיט איר חושך צו
און באבע־יאגיש זייט מיט בייזן אומהיים־רו,
אָן סוף,
אָן סוף;
צי ווי אַ קראַנקע מאַמע אין מיטן שלאָף־צעוועק,
וואס וויגט איין איר קינד מיט שטילן נאכט־געשרעק:
נו שלאָף נאך,
שלאָף!!!

צערייס איך אלע וויקעלעך אויף זיך דערווידער
און שפרונג אַרויס אין גאס אַ נאַקעטער, אַ מידער
און לויף,
און לויף —
צעוועקן די פויל־פאַרשלאָפענע פאַרטאָגן,
בכדי ביים לעצטן פאַל זיי פאָרווורפיק נאָך זאָגן:
— שטייט אויף!
— שטייט אויף!

עכאָ

אויף די חורבות פון מיין ווייט־ניט־ווייטער היים
פארשרפהטער פון מערדערס שנאה, —
בין איך שריד־הפליטה געזעסן איין־אליין
און געזאָגט מיט הארצווייטיק מיין קינה.

איך האָב געגאַרט די אין שלאָף־פאַרזונקענע פאַרטאָגן
מיט מיין „איכה״ שטאַרק צעוועקן,
נאר עס האט דער עכא גולמ׳דיק צעטראגן
„איכה״ מיין אין אלע עקן.

בין איך אזוי געזעסן לאַנג, פאַר׳שבעה׳ט, באָרוועס,
און געוואַרט אויף בת־קול אומגעדולדיק;
— „ווער איז שולדיק?״ — האב איך געפרעגט ביי חורבות;
האט געענטפערט עכא: „ווער איז שולדיק?״ — — —

מיין פרייד

מיין יאַנקען — געווידמעט

מיין פרייד האָט אויסגעטריפט פון קוואַל געפילן
און פאַרוועבט זיך אין אַ טרער אין דיר, —
האָסטו אָנגעצינדן מיך מיט פייער ניגונדיקן, שטילן,
און אין אַ זמר אויפגעבענקט אין מיר.

זייט דאַן מעסט איך ניט אײנזאַם מיינע וועגן,
זייט דאַן גייט אומעטום דיין שמייכל מיט,
און מלאכ׳דיקער אָפּבילד צווישן הייליע וועגן
היט די אויסגעאַשטע מיינע טריט.

און לעכצט אַ מאָל נשמה צו אַ טאָג אַ שטילן,
פאַרגייט מיט בענקענדיק באַגער, —
טויכט אַ טרייסט אויף: טראָגסט אין די געפילן
מיין פרייד, פאַרוועבט אין זיסער טרער.

איינדרוק

פאַר דיר איז אַ קוימען — אַ שקעלעט פון ציגל,
וואָס רייסט זיך מיט חוצפּה צו וואָלקנס אין דר׳ויך;
פאַר מיר אָבער איז דאָס — אַ שרעקלעכער עיגול,
דורך וועלכן דאָס בעסטע אַוועק איז מיט רויך.

פאַר דיר איז אַ ציגל — ניט מער ווי אַ ציגל,
געקנאָטן, געפאָרמט פון זאַמד און פון ליים;
פאַר מיר אָבער איז דאָס — אַ טרויערדיקער זיגל,
אַ פיינלעך געדעכעניש פון חרובער היים.

פאַר דיר איז אַ חורבה — ניט מער ווי אַ מויער,
צעפאַלן אין שטויב־מיסט און נישטיקן קויט;
פאַר מיר אָבער איז דאָס — אַ הייליקער טרויער,
אַ יזכור פון לעבן, פון אומקום און טויט.

פאַר דיר איז דער טויט — נאָר אַ שרעק צי אַ מיטל,
צו גלוטיקער תאווה — דער טרויריקער עק...
פאַר מיר אָבער איז דאָס — אַ וואָרט נאָר פון ביטול,
אַ וועג צו אַ לעבן אָן שפלות און שרעק — — —

דערוואַרטונג

אוי, צי ווילסטו מער צו מיר ניט קומען,
אָנגעטון אין זיידן פּורפּור־קלייד ?
צי ווילסטו ניט פאַרנעמען מער מיין טריבן שטומען,
איינגערעמט אין ליד און שטילער פרייד ? —

דו האָסט פאַרשוואונדן, ווי אַ זיסע טרוימען־רגע,
ווי אַ וויי פון פרילינגדיקן ווינט ;
כ׳בין ניט אומשטאַנד געווען דיך עפּעס פרעגן
און דו האסט ניט געזאגט מיר „זיי געזונט״...

חושך איז די נאכט געווען דאַן, ווי נאָך קיינמאל,
גרויע שאָטנס האבן זיך געוויגט אויף שטריק...
ס׳איז אַלץ פאַריבער שוין... טאָ קום צו מיר נאָך איינמאל,
קום און ברענג אויפסניי מיין גליק.

נאָר זע פאַרגעס ניט אָנטון דיינע פורפור־קליידער,
באַשפּרינקלטע מיט ווייסן פרילינגס־צוויט ;
כ׳וויל דו זאלסט מיט מיר שוין בלייבן אויף כסדר
און פאַרנעמען טיף מיין ליד.

מיין טאַטע ז׳געשטאָרבן

דעם ליכטיקן אנדענק פון מיין טייערן פאָטער
ר׳ אייזיק־יצחק, ע״ה

מיין טאַטע ז׳געשטאָרבן,
ער איז ניט געוואָרן פאַרברענט ;
ניט געגאַנגען מיט „שמע״ צו דעם גרוב ;
דער שאָטן פון טויט יענס פרימאָרגן
האָט לאַנג נאָך געלעבט אויף די ווענט,
אין דער שטוב.

איך בין אַ קליין קינד דאַן געווען
און מיט די אייגענע אויגן געזען
ווי דער טאַטע גייט אויס,
צאַנקט ווי אַ ליכט...
רויק, מיט תפילה־געבעט,
ביי זיך אויפן בעט.

און כ׳האב דאן געווײנט אזוי לאנג,
איך, די מאַמע, דער אלמער מיט ספרים,
אלץ, אלץ האט געוויינט. —
ע̇ס האט געטון באנג:
דער טאטע ז׳געשטארבן!
דער טאטע???!! ———

דער טאטע ז׳געשטארבן,
אָ, אייביקע רו אים, —
א צדיק געוועזן! —
דעם פינסטערן פרצוף פון תליך
האט ער ניט געזען;
זיין שפּאָטישן חוזק־געבריל
האט ער ניט געהערט. —
אזוי איז מיין טאטן געוועזן באשערט! ———

נאר איך האב געוויינט דאן,
געוויינט אָן אַ שיער —
עס האט אזוי באנג געטון מיר!
און היינט...
אָ, היינט איז מיר שווער
אויסצוטריפן א טרער,
כאטש עלנט געלאזן בין איך ווי א שטיין,
ווי אין פעלד דארט א שטיינערנער שטיין.
און איין טרייסט ז׳כאָטש געבליבן,
איין טרייסט, און ניט מער:
— דער טאַטע ז׳געשטאָרבן! ———

נקמה־מיראזש

יעדן טאג ווערט פארברענט ווי א קויל מיין נשמה,
און שענדלעך געפּייניקט מיין איך און מיין גוף;
אין דורשט, ווי נאָך וואַסער, איך לעכץ נאָך נקמה,
כ׳בין אַ קול־קורא אין מדבר און רוף:

— זאָגט ווינטן, איר האָט ניט געזען די נקמה? —
זי זעט אויס אומשולדיק, מיט אָפענער פויסט;
מיט איר האָט מיין מאַמע אויסגעהויכט די נשמה,
מיט איר אויסגע׳תפילה׳ט די גסיסיקע טרייסט.

עס האָבן געוואַרעמט זי קלייניניקע קינדער
אין זייערע הערצלעך מיט לעצטן „אוי וויי";
אַ חולה־מסוכן, אַ זקן, אַ בלינדער,
און ס׳דוכט זיך איך הער נאָך איצט זייער געשריי:

— "נקמה! נקמה! געדענק זאָלסט ניט שווייגן!...
און זוכנדיק קיינמאָל ניט ווערן זאָלסט מיד!
ניט לאָז פון געוויסן זיך דאָך איבערצייגן,
אַז דו ביזט אַ ייד נאָר... אַז דו ביסט אַ ייד...

אַז דו ביסט א ייד... אוי א ייד... אוי א יידל...—
טאָ שווייג מיין געוויסן!... דו הערסט, איך באַפייל!
ס׳איז נמאס מיר אייביק צו הערן אָ־דאָס לידל,
מיט וואָס בלויז איך תמיד מיין צאָרן פאַרהייל!

קרויין־אָן זיך, מיין האַס, אין א קראַנץ, ווי א כלה!...
שאַ, מיין נשמה, ניט ברויז־אויף מיט רעש!...
קוק, כ׳שאַרף א מעסער!... נקמה פאר אלע!!!
נאָר... אַך... איך?.... נקמה?...— א נקמה־מיראזש! ————
— — — — — — — — — — — — — —

זינג

זינג! זינג אויס פון דיין נשמה
דיין אָנגעדראָלן וויי!
ניט מאָן! וואָס העלפן קאָן נקמה
און סתמיקער געשריי?!

זינג! געבנוג שוין מיטן וויינען!
דו ביסט פון וויינען מיד! —
מוזט קריק זיך זינגען צוגעוויינען,
צעפראַלן זיך אין ליד.

אין תקופה פינצטערער און פרעכער
ווען דו ביסט מיט זיך אַליין —
זינג נאָך שטאַרקער, זינג נאָך העכער
זינג — כאָטש דורך געוויין! — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

אומרו־ליד

ווען ס׳לעשן אויס זיך לעצטע שטראלן פון דער זון
און ס׳קניט די נאכט אנידער ביי מיין טיר, —
טרייב איך מיין אומעט אַרויס פון האַרץ און זינג,
און זינג מיין אומרו־ליד צו דיר. —

צו דיר וואָס האָסט געזאָלט גאָר זיין די שענסטע
און אויפשטייגן מיט פאַקל אויסגעבלענדט, —
ווו זשע וואַלגערסטו זיך אַ דערשלאָגענע, פאַרשעמטע
צווישן ספקות קיינערדיקע ניט דערקענט?

נאר צי ווערסטו מער קיינמאל טאקע ניט קומען?
צי ביסטו אויסגעלאשן גאר אזוי און מיד? —
ווען כ׳וויס אז ווערסט ניט אויפבליצן מיט בלויען פאַקל,
וואָלט איך ניט געזונגען מער נאָך דיר מיין ליד.

נאר כ׳וויס, כ׳בין זיכער — דו ווערסט קומען, קומען,
אויסגעלייטערט אין קרישטאלענעם זעפיר;
עס וועט מיין ליד פארלאָקן דיך, פארנארן מיין הארץ־קומער
און דו ווערסט אייביק בלייבן שוין מיט מיר.

צו גאט

איך שטיי פאַר דיר נאָך, גאָט, ווי אַן אָבל, טיף אין „קריעה״,
און פרעג ביי דיר: ווי לאַנג נאָך ז׳מיר באַשערט מיין פיין?
ווי לאנג נאָך וועל איך מוזן זינגען דיר וועגן דיין שקיעה? —
צי קאן שוין אנדערש, גאט מיינער, ניט זיין? — — —

זאג, גאט, ווי לאנג נאך וועל איך מוזן לידלען, וויפל יארן,
זמירות יללות׳דיקע וועגן האַס, רשעות און געוויין?
בייסן די פינגער זיך פאַר כעס אין אָנמאַכט און אין צאָרן
און ווי אַ שטערן־שיין פאַרגיין און באַלד אויפגיין? — — —

דו האָסט דאָך מיך געלערנט, גאָט: „לא תקום ולא תטור! — ״
טאָ וואָס זשע האָסטו אַליין גענומען נקמה גאָר אין מיר?...
האָסט אָנגעפילט מיין צער־לאָגל מיט חיל־ורעדה׳דיקן ציטער —
צי שוין־זשע בין איך אלץ נאך זינדיק קעגן דיר? — — —

צי בין איך שולדיק, וואָס דו האָסט אליין פאַרשווערט דיין יצירה
און באַצייטנס שוין פאַר מיר דיין טייוול צוגעגרייט?!
טאָ ווונדער זשע זיך ניט, וואָס שווערד ז׳געוואָרן היינט מיין לירע,
אויף וועלכער איך טו אויסזינגען מיין גרויע פרייד!

איך וויל דאָס ניט, גאָט! ניין, ניין, כ׳וויל בעסער זינגען פריידיק
און קוקן אין דיין שכינה־פּנים, — מעג עס זיין פול צער,
נאר כ׳וייס ניט פאַרוואס מיין הארצן־קוואל ז׳געווארן ליידיק
פון שיר־השירים־ניגון, גרויסער האַר...

אין טויט־געראַנגל וואַנדער איך און זוך מיין אַלטע מוזע,
וואס א פארשעמטע איז אנטרינען לאנג פון מיר;
כ׳וויל פאַרטרייבן דעם טייוול און צוקלאַפּן פון היינט־אָן אַ מזוזה
פון אים אלס שמירה, אויף מיין אלטער, אלטער טיר.

און כ׳וואָלט זייער גערן, גאָט, צו אויפוועקן צוריק די זויבער־שירה,
בכדי טריפן טרייסט און האָפענונג צו דיין עגונה׳דיקער ערד, —
טא העלף זשע, גאָט, מיר אנריכטן צוריק מיין לאנג־צעשטערטע לירע,
אויף וועלכער כ׳וואָלט מיט פרייד פאַרביטן דעם כלי־זין־שווערד.

שטימונג

מיינע בעסטע יאָרן האָב איך אויסגערויכערט אין אַ פאַפּיראָס,
מיינע שענסטע טעג זיינען אדורך כמעט נאר אין פארדראס.

מיינע ליכטיקסטע לבנה־נעכט זיינען פאַרביי מיר אין אַ טרוים,
ווי ס׳גייט מיט הארבסט אוועק די גרינקייט פון דעם בוים.

מיין גליק האט ניט דערגליקט צו בליען אויף מיין קאָפּ,
ווי אַן עפּעלע אַ ווערימדיקס, וואָס פריצייטיק פאַלט אַראָפּ.

מיין פרייד האט אוסגעלאשן זיך, ווי ס׳לעשט א רויבער־האנט
דאס ליכט, ווען זי צו גנבענען ברעכט איין זיך דורך א וואנט.

מיין גוף איז פון פיל וואָגל־צער געוואָרן אַלט און מיד,
נאָר איינס איז בלויז געבליבן מיר — מיין פלאַמעדיקע ליד.

און ווען איך זינג מיין ליד אזוי, צעשיינט זיך מיין געשטאַלט
און איך טו פאַרגעסן באַלד, אז כ׳בין מער מיד ווי אַלט.

זינגט מיט מיר מיין אומעט אויך, צעבליט זיך אין אַ קראַנץ,
און ס׳כאַפּט אַרום די מידקייט מיך און גייט מיט מיר אַ טאַנץ.

צעקוש איך זיך מיט בענקונגען — געפּיעשטשעט מויל צו מויל,
צעבליט זיך אויף מיין קאָפּ די פרייד, ווי אַ בלום און בליט;
לאָזט אַ רגע אָפּ פון מיר מיין ווייטיק און מיין גרויל
און כ׳וועל אליין מיין זמרל און כ׳וועל אליין מיין ליד.

וואָלין

מיין חרוב געבורטס־שטעטעלע דאָמבראָוויץ—געווידמעט

וואָלין! ווי טיף דו האסט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון,
מיט דיינע פרייע לאָנקעס און ווייט־צעשפּרייטע פעלדער;
מיט דיינע שמאָלע שטעגלעך צווישן דעם הויכן קאָרן,
מיט דיינע גרינע סעדער און אנגעגרויזטע וועלדער!

ווי שיין, וואָלין, דו ביסט מיט פרילינגס דיינע און זומערדיקע
פארנאכטן,
מיט די האַרבע ווינטערס, ווען ביים הרובע כ׳בין אלס קינד
געזעסן...
נאר אַך, ווי כ׳וואָלט ניט וועלן פון דיר, וואָלין, איצט טראַכטן!
אַך, ווען כ׳וואלט געקענט כאטש אויף איין רגע דיך
פארגעסן! — — —

נאר ווי אויף צו־להכעיס, ווען כ׳מאַך צו נאָר מיינע מידע אויגן,
נעמען כאַטקעס אויפטויכן, שטרוי־געדעכלטע, באליימטע,
און כ׳דערזע גאַוורילען מיט זיין טשופּרינע, האַק און פּאַסטאָלעס,
פארצויגן
מיטן רויטן „פּאָיאַס״ אויף זיין העמד, באַציילעמט־אויסגעגייטער.

איך זע לעווקען, דעם שגץ, וואס האט געשמ׳ט אין שטאט אלס „לקחן״,
פלעגט ברענגען פיש אויף יום־טוב און געחוזקט פון יונה אַבאַ׳ס...
געפּיטערט די מאָגערע בהמה פון שמואליקן דעם „חקרן״,
געוועזן אויך „מבין־כל־דיבור״ און איינגעהייצט אום שבת...

און כ׳זע פיל קליינע קרעמלעך אין מיטן מאַרק דעם ברייטן,
די אלטע שול און מקווה, וואס שטייען שוין לאנגע יאָרן;
נאָר... וואָס עפּעס גאַווריל שלעפּט שמואליקן אַ טויטן?...
אוי, וואס טוט זיך דא!?... וואס איז פלוצים דא געוואָרן!!!???

אט זע איך די שטוב פון מיין טאַטן, כ׳דערקען זי צווישן אַלע...
און לעווקאָ העלפט די דייטשן שלעפּן מיינע שוועסטער־ברידער...
מיט פרייד גאַוורילעס גויע עסט מיין מאַמעס שבת׳דיקע חלה
און לויפט באַלייגט מיט פעקלעך אין פריילעכן געררודער...

און כ׳קוק, ווי א געפּלעפטער... אט טרייבט מען אַן עדה יידן,
מען טרייבט זיי, ווי אַ סטאַדע — קראַנק און אַלט צוזאַמען...
אט שיסט מען גליך אין זיי, — זיי פאַלן, ווי די פליגן
און יאָמערן מיט ווידוי, אויך צווישן זיי מיין מאַמע — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

אַך, ווי שיין דו ביסט, וואָלין, מיט דיינע פרילינגס און זומערדיקע
פאַרנאַכטן,
מיט די האַרבע ווינטערס, ווען ביים הרובע כ׳בין אַלס קינד געזעסן...
נאר אך, ווי כ׳וואלט ניט וועלן פון דיר, וואָלין, איצט טראַכטן,
אַך, ווען כ׳וואלט געקענט כאטש אויף איין רגע דיך פאַרגעסן!...

מיין וועלט

מיין וועלט האָט זיך פאַרקליבן אין אַ האַלאָוועשקע פייער
און טשאַכנעט קיינמאָל ניט אויס פון איר;
איז יעדע שפּרינקל־פונק אַ שאָד מיר און שטאַרק טײַער —
לעבט דערפאַר אַ העליש־פלאַם אין מיר.

אַ העליש־פלאַם וואָס טוט זיך זעלבסט פאַרברענען
און אויפפלאַמען מיט יעדן טאָג צוריק;
כ׳טו זעלבסט צו זיך ווי צו אַ מזבח דאַן גענענען —
ברענג אַ קרבן זיך מיין אָפּגאָט־גליק.

און כ׳קוק ווי כ׳ברען און זע זיך אין די פלאַמען ראַנגלען,
און כ׳קוק ווי כ׳טליע אין געברי אַליין,
און כ׳זע ווי פונדערווייטנס ביים לעצטן אויספלאַם־צאַנקען
וואַרעמט זיך די הענט מיין גליגעווין.

צום מענטש

איך זע דיך, מענטש, ניט ווי כ׳האָב געזען דיך אין מיין יוגנט,
כ׳האָב אַנדערש דאַן זיך פאַרגעשטעלט דיין גרויס;
אין בלינדקייט אויסגעקושט האָב איך די טריט דיינע מיט טוגנט,
געכאַליעט ווי אַ קינד אין הייסן קינדער־שויס.

צו דיר, צו דיר ז׳געווען געווענדט מיין יעדער שענסטער ניגון,
פאַר דיר געזינגען כ׳האָב מיין יעדע בענקשאַפט־ליד;
דיין איך — אין איך מיינעם מיט טיפן סוד כ׳האָב אויסגעשוויגן,
אין גאַף אַנטציקט זיך פון דיין מינדסטן שריט.

און היינט — איך זע דיך אַ צעבראָכענעם, אַ קראַנקן,
וואַלגערן זיך אינעם אייג׳נעם צווייפל־בראָך, —
טוט מיין ליד פאַרשעמט נאָך, ווי אַ ליכטל צאַנקן,
וויל אויפלויכטן מיט פלאַקער־פייער דאָך.

און ווי דעם שיכור וואָס וואַלגערט זיך אין אייג׳נער קיע,
געוואָלט וואָלט איך דיך אויסוואַשן מיט זויבער־וואָרט;
און אויפפּראַלן די זון איבער דיין קאָפּ פון איר שקיעה,
וואָס רויטלט זיך, ווי דו, פאַרנעבעכט און פאַרצאָרט.

נאָר דאָך זוך איך אין האַרץ פאַר דיר אַ שטיקל טענה
און אַ תירוץ — ווייס און בלענד זאָל זיין ווי שניי,
ווערט אָבער מיין צונג אָפּגעשלאָגן ווי אַ „הושענא״
און קוים כ׳געפין פאַר דיר נאָך גוטע ווערטער צוויי.

קינדער־שמייכל

קינדער ווייסן ניט קיין חכמות
און פון אַלע גרויסע זאַכן
מאַכן זיי זיך ניט קיין דאַגמעס
און זיי שמייכלען און זיי לאַכן — — —

קינדער שמייכלען, קינדער לאַכן
נאָך מיט אָנקום פון פרימאָרגן;
אַבי מאַמעס אַלעס מאַכן,
אַבי טאַטעס טראַכטן, זאָרגן...

אַבי שפּילצייג איז פאַראַנען
און אַ מאָל אויך גוטע זאַכן —
חקירהן קינדער ניט פון וואַנען
און זיי לאַכן, לאַכן, לאַכן — — —

*

האָבן בלוטיקע טיראַנען —
קינדער־שמייכל ניט פאַרטראָגן;
קינדער־לאַכן ניט פאַרשטאַנען
און געמאָרדעט זיי, געשלאָגן.

און צום גרוב אויס לוסט געטריבן
לעבעדיקע צו באַגראָבן, —
האָבן קינדער זיך געוווּנדערט:
„ווער זשע דאַרף אַזאַ שפּיל האָבן?״...

און ווען זאַמד האָט זיי פאַרשאָטן,
האָבן הענטלעך זיך געצויגן,
האָבן אויגלעך זיך געבעטן:
„ווער שיט זאַמד דאָרט אין די אויגן?״———

און ווען ס׳האָט דער גרויל־רעוואָלווער
צו די קינדער געטון צילן —
האָבן קינדער אַלץ געשמייכלט:
„גיב די שפּילצייג, מיר׳ן זיך שפּילן...״

— — — — — — — — — — — — — —

קינדער ווייסן ניט קיין חכמות
און פון אַלע גרויסע זאַכן
מאַכן זיי זיך ניט קיין דאָגמעס
און זיי שמייכלען און זיי לאַכן———

אנטוישונג

איך פייער קיינמאל ניט מיין נאָמענסטאָג
מיט געסט און רוישיקער זאַבאַווע;
אויפן טאָג פון מיין געבוירן כ׳זיץ און קלאָג,
וואָס כ׳בין אַ זון פון אָדם און פון חוה.

ווייל וואָס זאָל דען אַזאַ גדולה זיין אויף מיר?
וועלכער רושם איז אַזאַ געוואָרן? —
וואָס כ׳בין אַן אַלבער קין, אַלבער הבל־זון,
שטיקל יאוש, ברעקל טרייסט געבאָרן?!———

— — — — — — — — — — — — — —

איך פייער קיינמאָל ניט מיין נאָמענסטאָג
מיט געסט און רוישיקער זאַבאַווע;
אויפן טאָג פון מיין געבוירן כ׳זיץ און קלאָג,
וואָס כ׳בין אַ זון פון אָדם און פון חוה.

אייז־עפּאכע

ס׳פרירט די וועלט אין בייזער קעלט,
שטיקער קריעס, אַייז און פרעסט
דעקן צו אַלץ, ווי אַ פּעסט. —
ס׳פרירט די וועלט! ס׳פרירט די וועלט!

שרייען קינדער־קייט און אלט:
— גוואַלד ס׳איז קאַלט! גוואַלד ס׳איז קאַלט!
גוואַלד, גוואַלד, גוואַלד! גוואַלד, גוואַלד, גוואַלד!
קאַלט, קאַלט, קאַלט! קאַלט, קאַלט, קאַלט!

לויפן מענטשן מיט געשריי,
אין פאַרצאַרנטן וויי־וויי:
— ראַטעווע אונדז ליבער גאָט,
טו מיט אונדז דיין גרויסן גנאָד!...

פרעגט איינס ס׳צווייטע אין געלויף:
— האָסט ניט וואַרעמקייט געזען?
ווען וועט נעמען שוין אַ סוף?
ווען, ווען, ווען? ווען, ווען, ווען?

וויינט אַ זקן, ווי אַ קינד:
— וואָלט כאָטש וואַרעמקייט אַ לויט!
גאָטעניו, פאַר וועלכע זינד
קומט אונדז אַזאַ קאַלטער טויט? — — —

*

נאָר אַלץ גליווערט, נאָר אַלץ פרירט,
נאָר אַלץ שטיינערט אין געפריר,
גלייך דער נאָרד־פּאָל וואָלט געדירט
און געלאָזט זיך אויף שפּאַציר...

בויט דער מענטש אויס אַ טורבין,
אַן עלעקטרישע מאַשין,
און ער הייצט ביינאַכט, בייטאָג,
נאָר קיין עצה צו דער פּלאָג. —

אויך דער הייצער ביים מאַשין
ווערט פאַר קעלט אַזש בלוי און גרין;
ווערט אין שטיקער אייז פאַרווירט,
ווי אַ פראָסט־ליכט איינגעפרירט.

*

לויפן מענטשן אום צעשטרייט
און מען בייזערט זיך, מען שרייט;
מען וויל געבן אַן שיער געלט
ס׳זאָל אַ סוף נעמען צו קעלט.

ווערט מען ערגער נאָך און שלעכט,
מ׳אַנערקענט ניט קיינע רעכט;
יעדער שרייט, אַז ער ז׳גערעכט
און אַלץ קומט אַרויס פאַרקערט.

רייסט איינאַנדער שנעל אַראָפּ
די מלבושים ביזן קאָפּ;
הילט מיט פרייד אין זיי זיך איין,
אַבי ס׳זאָל נאָר וואַרעם זיין.

און מען קליידט זיך אָן אין פעל
פון דער חיה אינעם וואַלד...
און מען מאַכט פון אַלץ אַ תל, —
נאָר ס׳איז קאַלט אַלץ, נאָר ס׳איז קאַלט.

*

לויפט דער מענטש ממש פון זין,
קלאַפּט אַ צאָן אין צאָן: ווּהין?
רויבט אַ הימל־סוד צומאָל,
שפּאַלט אַטאָמען מיטאַמאָל.

נאָר קיין מיטל צו דער קעלט, —
ס׳פרירט און פרירט די שיינע וועלט;
ס׳גליווערט אַלץ אין בייזער שעה
און קיין וואַרעמקייט ז׳ניטאָ! — — —

קויפט א טרער

קויפט אַ טרער, איך בעט אײַך, קויפט, אָ, האָט רחמנות!
קויפט, קויפט! — כ׳פאַרלאַנג באמת ניט קיין סך:
איין טרייסט־וואָרט נאָר, איין טרייסט־וואָרט, בנאמנות;
כ׳קאָן אָן טרייסט ניט לעבן, כ׳קאָן ניט, אַך! — — —

כ׳בין שיכור פון די טראָפּן ביטערע... פון די געפילן
האָב איך זיי אויסגעווייטיקט, אויסגענאָגט;
וואָס טוט דען ניט אַ מענטש כדי געפילן שטילן —
גיסט ער אויס אין טרערן זיך און קלאָגט — — —

טאָ קויפט, — אַ פערל, כ׳זאָג אײַך, ניט קיין טרער! — אָן וואַקל
מעגט איר ארויסנעמען און צאָלן, וואָס איז דען די מער? — — — —
סיידן איר פאַרמאָגט אַליין קיין טרייסט ניט בסך־הכל
און ר׳ווילט אַליין פאַרהאַנדלען אייער אייגן טרער? — — —

אַ שאָד, אַ שאָד, ס׳וועט היינט שוין זיכער קיינער קויפן, —
אַך, ווי טרויערדיק, ווי גרויס דער בראָך, ווי שווער!
יעדער שענקט אַ בייזן בליק נאָר און טוט שנעל אַנטלויפן, —
בעט איך זיך: טאָ נעמט אומזיסט, אומזיסט מיין לעצטע טרער!...

סטאָפּ, געדאַנקען

סטאָפּ געדאַנקען מיינע, כ׳קאָן סיוויי אלץ ניט פאַרשטיין,
און דו, מיין האַרץ, ניט ברויז! זיי שטיל, זיי שטיל!
שטעל אָפּ זיך — איך! העי, הערסט דו־איך, בלייב שטיין!
אויך דו נשמה מיינע, מער ניט פיל! ניט פיל! — — —

כ׳קאָן ניט ווי דער טייוול לאַכן מיט איין אויג און מיטן צווייטן וויינען,
כ׳קאָן ניט! — אוי, וואָס איז שווער אַזוי דאָ צופאַרשטיין?!
כ׳קאָן ניט מיטן מויל זאָגן איינס און מיטן האַרצן אַנדערש מיינען,
און פאַרוואָס איך קאָן ניט, — ווייס איך ניט אַליין! — — —

איך — ווען כ׳וויין, וויין איך מיט מיינע ביידע אויגן
און פיל אין דעם געוויין מיינעם אַ טיפן, טיפן שמאַרץ,
און ווען איך לאַך, — כ׳ווייס ניט ווער ס׳האָט מיך אַזוי דערצויגן, —
לאַך איך פון דער קלאָרסטער טיפקייט פון מיין האַרץ.

— — — — — — — — — — — — — — —

טאָ סטאָפּ געדאַנקען מיינע, כ׳קאָן סייווי אַלץ ניט פארשטיין
און דו, מיין האַרץ, ניט ברויז! זיי שטיל, זיי שטיל!
שטעל אָפּ זיך — איך! העי, הערסט דו־איך, בלייב שטיין!
אויך דו, נשמה מיינע, מער ניט פיל! ניט פיל! — — —

צום טאג

גרויסער טאָג! אין בייזן טאָג אין קאַלטן
וואָרום געבליבן ביסטו שטיין אין מיטן וועג?
פאַר וועמען האָסטו זיך דערשראָקן, טאָג, פאַר וועמען זיך באַהאַלטן?
צי שוין זשע שרעקסטו זיך, אָ, טאָג, פאַר גרויער׳ שרעק? — — —

קום, גרויסער טאָג, און זע, ווי כ׳טו מיט נאַכט זיך ראַנגלען,
קום פאַרנעם מיין הייליקן געבעט:
אין שעה פון שטילן קאַמף און טויבע טרויער־קלאַנגען,
קום זעץ זיך ביי מיין קוואַרער בעט.

כ׳וואָלט וועלן מאַכן אָרדנונג אין די געדאַנקען,
נאָר ס׳לאָזט ניט פינסטערניש פון ברוינער נאַכט;
עס קריכן שוואַרצע שאָטנס אַלץ מיך נאָך, ווי שלאַנגען,
ווי שומרים היטן מיט פאַרדאַכט...

נאָר כ׳ווייס, גרויסער טאָג, וועסט זיכער, זיכער קומען,
כ׳ווייס וועסט קומען צו מיין קוואַרער בעט;
כ׳ווייס ס׳וועט פינסטערניש, ווי אַ בעלמע־אויג אויסרינען, —
טאָ זע־זשע טאָג ניט קום צו שפּעט...

ניט קום, ווען כ׳וועל אַן אויסגעטריפטער ליגן,
ווי ס׳ליגט אַ חולה־מסוכן אין אַנמאַכט,
און דער גורל וועט ווידער וועלן מיך פאַרוויגן
אויף די אָרעמס פון דער בלינדער נאַכט.

יאָ, טאָג, כ׳וויל דיך זען בלויז ביי מיין לעבן,
נאָכדעם, ווען כ׳האָב צו דיר אַזויפיל שוין געשטרעבט!
בעט איך דיך: זאָל נאַכט אין מיר נקמה ניט דערלעבן,
ווי זי האט עס דאָך ביז איצט דערלעבט — — —

ניט פאַרענדיקטע באַלאַדע

ווייט, ווייט אויף וואַלין, צווישן שליאַכן פאַרוויטע, —
עס קומט דאָרט היינט קיינער מבכּה זיין נאָך, —
הויכן זיך קברים דריי, האָרביקע, טויטע,
פאַרווילדיקט מיט געלבלימלעך, שטיינער און מאָך.

זיי רוען געאייביקט אין שכינה־געפלאָטער,
פאַראָבלט אין שטענדיקן שוויג־ניט־דערווין;
ס׳פאַרביילויפט אַ מאָל בלויז אַ וואָלף אַ האַלב־זאַטער,
אַ פויער אין שמיט־ גייט דורך דאָרט אַליין.

אַרום גרינען וועלדער אין טיפן געציטער
און ברוגזע הימלען צעדעקן זיך בלינד;
ס׳ברענגען מיר ווינטלעך פון דאָרט רמזים־לידער, —
רמז איך אויס זיי פאַר אייך דאָ אַצינד.

*

און אַזוי טוט דערציילן דער ווינט: אין פאַרטאָגן
צעוועקן זיך די קברים — געביין צו געביין;
און ס׳שטייען־אויף קדושים פיל — קינות צו זאָגן,
פאַרפירן אַ טענה מיטן רבונו־של־עולם אַליין:

— אָ, גאָט, אַדושעם! אויב פאַראַן ביזט דאָ־ט אויבן...
ענטפער אַ וואָרט אונדז — ביזט דאָ צי ניטאָ?...
זאָג דיין „דערפאַר״ אויף אונדזער פאַרוואָסיקן גלויבן:
פאַרוואָס לאָזט אונדז ליגן אין צער אייביק דאָ? — — —

פאַרוואָקסן די סטעזשקעס צו אונדז אין אומוועגן, —
קומט ניט מער קיינער באַזוכן אונדז, — ווי!!!
דער ווינט זאָגט נאָר קדיש און ס׳באַווינט אונדז דער רעגן,
גלייך אונדזערע יורשים געווען וואָלטן זיי.

אָ, גאָט! בורא־עולם! ביז ווען נאָך געלעגן?...
ווו דיין תּחית־המתים?, ווו איז עס אָ, ווו!? —
מיר וועלן ניט מיד ווערן דיך אייביק צו פרעגן,
מיר וועלן ניט געבן דיר קיינמאָל קיין רו! — — —

אָ, גאָט! אַדושעם! פאַרוואָס אַזויפיל געליטן?
פאַרוואָס דאָ אין בערגלעך מיר ליגן פאַרהוילט? — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

נאָר... כ׳מוז איבעררייסן מיין באַלאַדע אין דער מיטן —
כ׳קאָן ווייטער ניט זאָגן וואָס ווינט האָט דערציילט — — —

כ׳וואָלט געוואָלט

פאַראַן אַ צייט:
כ׳וואָלט געוואָלט זיין אַ שווערד;
אַ שווערד — ניט פון שטאָל,
ווי געוויינלעך געווער;
נאָר עפּעס אַזאַ,
וואָס ניטאָ ז׳אויף דער ערד, —
אַזאַ שווערד איז צו זיין מיין באַגער.

און אַ קראַפט, כ׳זאָל פאַרמאָגן, —
ווי שטאַרק ס׳קאָן נאָר זיין!
אַז שרעקן פאַר מיר
זאָל זיך טאַקע די וועלט,
און שיין כ׳זאָל פאַרמאָגן —
אַ זוניקן שיין,
אַז פינצטערניש זאָל זיך
צעגיין, וואָס פאַרשטעלט.

און אַ שאַרף זאָל איך האָבן —
אַ חלפ׳דיק שניט...
אַז קלאַנג מיין זאָל קלינגען
מיט צויבער־געזאַנג,
און גרויכן מיין האַס זאָל
דעם סאַמע זעניט,
און יעדער מיין שניט זאָל —
אַ ביס זיין פון שלאַנג — — —

— — — — — — — — — — — — — —

אַזאַ שווערד, אַזאַ שווערד
מיין באַגער איז צו זיין.
דער בעסטער כּלי־זיין
געוועזן כ׳וואָלט, —
איך שווער! —
און יעדער דערפילט וואָלט
אָט דאָס הייסט אַ שווערד,
און יעדער געוווסט וואָלט:
— אָט דאָס הייסט געווער! — — —

אין א מינוט אזא

אַ מאָל טו איך פרעגן ביי זיך גאָר אַליין:
צי ביסטו אַזוי נאַריש, נאַאיוו, אָדער קליין,
וואָס דו טוסט נאָך גלויבן אין פרילינג פון וועלט,
אין קוואַלעכל פרייד, וואָס נאָך שטיל ערגעץ קוועלט;
אין האַרץ און נשמה, וואָס צום אמת נאָך צילט;
אין טעג פול מיט לויטערער שמחה און גליק;
אין ענדע פון מענטשלעכער שנאה און קריג;
אין סוף פון דער פינסטערער, שרעקלעכער נאַכט,
ווו לעבן גייט אויס און נאָך לעבן אַלץ שמאַכט? — — —

— — — — — — — — — — — — — —

אַ מאָל טו איך פרעגן ביי זיך גאָר אַליין:
צי ביסטו אַזוי נאַריש, נאַאיוו אָדער קליין? — — —

איך שעם זיך

איך שעם זיך, וואָס ס'איז אַלץ אַזוי נאָך
נעבעכדיק, פאַרצאָרנט, אָרעם...
און ס'פּויזעט אום דער בלינדער שווינדל,
ווי אַ גרויער, ברודנער וואָרעם...

און כ'שעם זיך פאַר דער גרויסער צאָל
אָנמצבותדיקע קברים,
וואָס צעצויגן האָבן זיך
פון מזרח, מערב, צפון, דרום. — — —

איך שעם זיך פאַר דער קלאָרער זון,
און דער בלויקייט פון פרימאָרגן,
ווו איך שטיק זיך מיט מיין ליד
און ווער אַליין דערוואָרגן...

א שאטן צווישן שאטנס

א שאָטן צווישן שאָטנס,
אָנגעלענדט אויף גרויער פרייד און ליבע,
בלאָנדזשע אום איך
ביי די ברעגעס פון די נעכט
און וווּנדער זיך:
פאַרוואָס מיין וועלט
איז אַלץ נאָך אַזאַ טריבע.

פאַרוואָס דער פּחד נאַקעטער
שלייפט נאָך אַלץ זיין שווערד.

ווי זיינען יענע צויבערדיקע טענער
פון באַזינגען
די בלויע, ווייטע הימלען
און דעם זומערדיקן זון־אויפגאַנג ? —
צי שוין־זשע טרויערדיקער איז
דאָס רויש פון שמעטערלינגען
אַלס רויש פון דעם מאָדערנעם,
טויט־טראָגנדיקן טאַנק ? — — —

צי שוין זשע קוקן אומעטיק אויס
בליענדיקע זאַנגען
אין זייער זומער־כּישוף
און בנעימותדיקן וווקס ?
אָדער פּראָזאַאיש זיינען גאָר געוואָרן
די פויגלשע געזאַנגען,
פיל פּראָזאַאישער פון קנאַל,
פון קנאַל פון קאַלטן ביקס ? — — —

צי שוין זשע איז דאָס בלעטער־שעפּטשען
מאָנאָטאָן געוואָרן ?
דאָס פליסטערן פון טייכל
און שניי ווען ער צעגייט ?
צי שוין זשע האָבן וועלכע פאַרבן
די געפילדערס וועגן צאָרן,
וואָס דערגרייכט האָבן די קונסט
פון קינדער־מאָרד און טויט ? — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

אַ שאָטן צווישן שאָטנס,
אָנגעלענדט אויף גרויער פרייד און ליבע,
בלאָנדזשע אום איך
ביי די ברעגעס פון די נעכט
און וווּנדער זיך :
פאַרוואָס מיין וועלט
איז אַלץ נאָך אַזאַ טריבע,
פאַרוואָס דער פּחד נאַקעטער
שלייפט נאָך אַלץ זיין שווערד.

דו זאַגסט

דו זאָגסט, מיין פריינט, פרילינג ז׳געקומען, —
און גרעזל און צווייגל צעבליט —
וויל איך נאָך היינט אים געפונען
און זוך כאָטש אַן אָפּשפּאַן פון טריט.

די זאָגסט, מיין פריינט, פרילינג ז׳געקומען
טאָ וואָס זיינען הימלען נאָך גרוי?
און וואָס טוט דער ווינט אַזוי נאָך ברומען
מיט וועלפישן יאָמער־געוווי?

דו זאָגסט, מיין פריינט, פרילינג ז׳געקומען, —
איך בעט דיך: שיק פרילינג צו מיר!
איך וואָלט אים מיט פרייד אויפגענומען, —
ס׳איז אָפן פאַר פרילינג מיין טיר!

ס׳לויכט שכינה אויף פנים מיין צאַרטן,
די ליפּן צום קושן לאַנג גרייט;
די סעודה איז רייך, — איך טו וואַרטן
דעם גאַסט צו באַגעגנען מיט פרייד.

— — — — — — — — — — — — — — —

דו זאָגסט, מיין פריינט, פרילינג ז׳געקומען,
און גרעזל און צווייגל צעבליט —
וויל איך נאָך היינט אים געפונען
און זוך כאָטש אַן אָפּשפּאַן פון טריט.

ווי אַ בלאָנדזשעדיק קינד

ווי אַ בלאָנדזשעדיק קינד שפּרייז איך צווישן שליאַכן
און טאַפּ דעם האַרטן וועג פאַרויס נאָר און פאַרויס;
מיט אויסגעוויינטער טרער און אַ מאָל מיט בייזן לאַכן
יאָג איך נאָך מיין אייגן האַרץ־געברויז.

איך גיי מיט הענט צעשפּרייט, ווי אַ סטרונע אָנגעצויגן —
אויפנעמען די ווייט און אָפּגעבן איר מיין געפיל;
שפּילט מיט מיר מיין גורל אַ צו־להכעיס אונטער די אויגן, —
שריי איך אויס דעם קלאַנג פון גורלדיקן שפּיל.

מיט גוואַלד באַפריי איך זיך פון אומגעלומפּערטע קייטן, —
זיי אין פּענטע וויקלען זיך מיר אַרום פיס, —
און כ'לויף צעשמידט פון אויסגעצייטיקט־בלויעליידן
אַנטקעגן ליכט וואָס רופט מיך מיט באַגריס.

צו מיין „אומבאַקאַנטן" פריינט - בען

כ'האָב אין שטורם פון לייד דיך געפונען,
ווי איך, מיט אַן אונרויק האַרץ;
דורך ברייוו האָסטו מיך אויפגענומען,
צעטיילט פונדערווייטנס מיין שמאַרץ.

אין גרויל־טעג פון עוולות און קאַלטקייט,
ווען האַס ווי אַ הונט איז צעבייזט;
ווען יוגנט אַשט אויס זיך אין אַלטקייט,
איז קריגן אַ בריוו פון דיר — טרייסט.

אין תקופה פון צער און אומגלויבן,
פון הענדום־און־פּענדום־געדראַנג, —
זיי זשע אַ ברודער פון גלויבן,
זיי מיר אַ פריינט יאָרן־לאַנג.

דיין פאָלק און מיין פאָלק זענען יענע
וואָס הימל איז זיי נאָר אַ דאַך;
מירביידע אומגליקלעכע זענען
אין קאַמף פאַר דער זעלביקער זאַך ———

איז ביסטו מיר טאַקע אַ ברודער
און כ'פּיל אַ שטיל בענקשאַפט צו דיר, —
טאָ הער מיינע פלאַמיקע לידער
און זיי אָפנהערציק מיט מיר. ———

טאָ הער מיינע פלאַמיקע לידער
און נעם אויף אין האַרץ מיין געשטאַלט,
דערזעענדיק מיך גיב אַ ציטער
און שרייב מיר אַ בריוו, אָבער באַלד! ———

פארלאנגען

כ׳וואָלט וועלן שטורם אײנשפּאַנען אין רײטוואָגן פון פײער,
פון שטראַלן אויספלעכטן אַ בײטש־געפלעכט, —
און מיט אימפּעט זיך אַוועקטראָגן אין וועלט אַ נײער,
ווו מענטש האָט מינדסטן שײכות ניט מיט ערד.

אָדער ס׳זאָל ווערן אונדזער ערד אַ בראשית׳דיקע לאַווע,
מיט אַנדערן באַשאַף און מער באַשטימטן ציל;
און ערשטער אָדם זאָל ניט זײן אָט יענע אָדם־חוה,
נאָר אַ יצירה פון לגמרי אַנדער סטיל.

כ׳וואָלט וועלן אַלץ זאָל וואַרעמען זיך בײ אײן שײטער
און אײביקײט ניט עלטערן זיך זאָל און אײביק זײן נאָר יונג;
כ׳וואָלט וועלן... מאַלע וואָס ס׳קען וועלן אַ פּאָעט פאַרשײטער
צו וואָס פארלאַנג — זאָל׳ס בעסער בלײבן אויף שפּיץ צונג.

ס׳הארט מיך ניט

ס׳וועט מײן ליד ניט איבעררײסן זיך, ווי יענעם דיכטערס, אין
דער מיטן, —
האַרט מיך ניט וואָס איך וועל שטאַרבן, — נײן!
מיר האַרט נאָר אויב נאָך טויט מײנעם האָט גאָרניט זיך געביטן
און גײן די וועלט איר גאַנג וועט פּונקט ווי איצט טוט גײן.

און אויב גאָרניט וועט געשען און זײן נאָר אַלטער שטײגער,
אין הימל אויפגײן וועט די זון איר אַלטן אויפצוגײן;
איך — לאַנג טויט, אָ! און די וועלט — דער קאַליעדיקער זײגער, —
צײגן וועט די זעלבע שעה און דאָך ניט בלײבן שטײן.

איך — לאַנג טויט נאָר ערד וועט אפשר מער ניט קרעכצן אין געוויײען,
אַ דענקמאָל וועט פאַרדינען אויך דער לעבנס־טרעגער־פּײן;
אויף סליאַד פון קבר מײנעם אויב ס׳וועלן נאָר אַנדערע ווינטן ווײען, —
האַרט מיך ניט — זאָל זײן, אויב איך וועל מער ניט זײן! — — —

ווער בין איך

ווער בין איך? —
אַ נעבעך הינטער די טירן פון דער גרויסער וועלט,
ווו כ׳זינג אַ טרערנדיקן ניגון אָן געלט? —
נײן!

וער־זשע בין איך ? —
אַ קלאָגער, צי סתם אַ פּאַיאַץ,
וואָס קייכט זיך און בלוטיקט פון אייגענעם זאַץ ? —
ניין !
ווער דען ? —
אַ גערעכטיקייטס־מאָנער ? אַ שמש ביים אמת ?
צי אַ פאַרשטעלטער תועה פון עולם־האמת ? —
ניין !
טאָ ווער דען ? —
אַ קברים־רייסער ?
אַ תחית־המתים־וועקער ?
אַ טרוימער,
צי אַ פאַרבאָרגענער האַלץ־העקער ? —
כ׳ווייס ניט אליין ! — — —
— — — — — — — — — — —

כ׳בין א ביכל

כ׳בין אַ ביכל פון טויזנטער מעשיות,
וואָס יעדערער בלעטערט און האָסט ;
מיין אָרעמער גורל בלויז ווייסט עס, —
ער האָט אָט די מעשיות פאַרפאַסט.

ניין, כ׳בין אַ מעשה פון ביכער,
פון טויזנט מיט מער, ווי איין נאַכט, —
געשריבן דורך פייער און וויכער,
וואָס האָט אָ־די מעשה באַטראַכט.

איך בין אילוסטרירט מיט בייזוואונדער,
איז יעדערע בלאַט — אַ שטיק וויי ;
אַיעטוועדע שורה — אַ צונטער,
אַיעטוועדעס אות — אַ געשריי.

כ׳בין דערשינען אין פאַרלאַג „מיינע טרוימען״,
אין דרוק פון „די פינצטערע נעכט״ ;
און הפקר איך בין, ווייל כ׳האָב קיינעם
געזיכערט אויף זיך אויטאָר־רעכט.

אין קרעפּע פון ווונד איינגעבונדן,
כאַטש דורכויס כ׳בין זעלטן און העל;
כ׳וואַלגער זיך אויף שוועלן פון ווונדן
און ס׳טרייבט מיך דער ווינט צו מיין שוועל...

איך לייען זיך שווער און מיט טרערן,
מיט אָפענע אויגן און מויל...
ניט אַלע מיך לייענען גערן, —
צופיל אין מיר אַקציע, גרויל.

מיין שער־בלאַט טוט קיינעם ניט געפעלן,
די בילדער פאַרשטייען זיך שווער;
בלויז טויט דאָ און סקעלעט־געמעלן,
טאָ ווער וויל דאָס אָנקוקן מער? ———

עס קאָנען נאָך שרעקן געשטאַלטן
און מתים צעקיילטע אָן סוף,
וואָס ליגן אין די בלעטער באַהאַלטן
און וועקן ביינאַכט פונעם שלאָף.

ליג איך פאַרוועבט אין חלומות
און וואַרט, ווי אויף פרילינג, אַ צווייג,
באַגראָבן אין סודות פון שמות,
אַזוי אַ פאַרמאַכטער און שווייג ———
— — — — — — — — — — —

צוגעווינט

ניט מיין אומעט כ׳וויל באַזינגען
אין מיין פערז היינט, אין מיין ליד;
כ׳האָב די כוסה אויסגעטרינקען,
כ׳בין פון טרינקען שיכור־מיד.

כ׳האָב זיך צוגעווינט צום צאָרן
און איך טו שוין אויך אַ לאַך;
אָנגעגורט מיט פרישע יאָרן
שפּרייז איך אויף אַ נייעם שליאַך.

גאולה־טריט

גאולה־טריט

גאולה — קאָן מען נאָר פילן,
גאולה — קומט לויטן ווילן.
גאולה — לאָזט זיך ניט פאַרשטיין
כאָטש דעמלט רעדט אויך אַ שטיין.

אין גאולה — גרינען זיך בוימלעך
און פינסטערניש ווערט דיר אויך הײמלעך.
גאולה־צייט — זוניקן זיך שטערן
און עפּעס — פון גאָרניט טוט ווערן.

גאולה־צייט — ברענען געבליטן
און טרויערס אין פריידן צעצוויטן.
אין גאולה — די עלטער ווערט יוגנט.
און אַ דאַרע שקאָרקע געגוגנט.

אין גאולה — טוט מידקייט אויך זינגען
און ס'האַרץ ווערט פון שמחה צעשפרינגען.
אין גאולה — טוען פויגעלעך טרילן,
ווייל — גאולה קאָן מען נאָר פילן.

אזוי איז באשערט מיר

אַזוי איז באַשערט מיר:
אויסצוטראָגן אויף מיין רוקן
אינגאַנצן די גאולה;
אויף מיין רוקן
איינגעדאַרטן, טרוקן
פון מאַרך און איינגעבויגן
אין אַ סטולע.

אַזוי איז באַשערט מיר:
פאַרזוכן אַלע טעם'ען,
אַלע סמ'ען;
אויסזיין אַלע ברעגן,
אַלע וועגן,
אַלע שטעגן
אויפצוועקן
און אויסדינען אַלע עבודה־זרא'ס.

אַזוי איז באַשערט מיר:
אָפּקומען אַלע חבוט-עבירות,
פון אַלע דור און דורות
זיין דער יחיד-הסגולה
איך, נאָר איך אַליין
מוז אויסטראָגן אויף דאַרן רוקן
די גאַנצע גאולה?!

דער שטאַרקער בעטלער *

ביים שוועל פון גרויסער וועלט — צווײ געקרייצטע גאַסן —
איז, אין איין טאָג אַ קאַלטן סליאָטעוואַטן, נאַסן,
אַ בעטלער-וואָגלער שטילערהייט געשטאַנען,
מיט פייכטע אויגן — אויף מענטשיש לשון הייסט עס אַ געוויין;
מיט קרעכץ — וואָס מען רופט ביי אונדז אָן פשוט: צער און וויי, —
און געבעטלט, — גערעדט כמעט נאָר צו זיך אַליין;
און כאָטש קיינער האָט ניט געוואָלט פאַרשטיין,
צי טאַקע ניט פאַרשטאַנען —
האָט עס מער אָדער ווייניקער געקלינגען אָט-אַזוי:

*

— שענקט אַ נדבה!
שענקט, איך בעט אייך, ליבע מענטשן,
זאָל אייך גאָט בענטשן,
זאָל אייך גאָט געבן בהרחבה...
איר זעט ווי כ'בין דערשלאָגן,
וואָס פון מיר ז'געוואָרן;
כ'טו פייניקן זיך, פּלאָגן
שוין אַזויפיל יאָרן...
וואָס וויל איך דען, וואָס מאָן איך דען? —
איך וויל אַ נאַכט-לעגער צום שלאָפן,
אַז כ'געדענק שוין גאָרניט ווען
כ'בין, ווי אַ מענטש געשלאָפן!
וואָס מאָן איך דען, וואָס וויל איך דען? —
כ'וויל אַ שטיקל ברויט אויף עסן;
אַז כ'געדענק שוין גאָר ניט ווען
כ'האָב צו דער זעט געגעסן!

* אינסצעניזירט און אויפגעפירט געוואָרן אין די ש.ה.-לאַגערן.

צי בין איך שולדיק, וואָס כ׳וויל לעבן, — — —
איידער שטאַרבן איז דאָך בעטלען בעסער...
גלויבט: איך קאָן ניט צורויבן און געבן
אין האַרצן יענעם מיט אַ מעסער...
איך קאָן ניט!... איר פאַרשטייט וואָס הייסט: „איך קאָן ניט״?
איך וויל ניט!... איר פאַרשטייט וואָס הייסט: איך וויל ניט״? —
בעטל איך בעסער: שענקט, שענקט עפּעס צום לעבן! — — —
נאָר אוי... פאַרוואָס וויל קיינער גאָרניט געבן?
אפשר בעטל איך שלעכט?... נו, גוט, כ׳וועל מאַכן אַ גרימאַסע,
כ׳וועל אײַנבויגן זיך צו דער ערד און נעבעכדיקער בעטן...
מ׳דאַרף אַ וועג צום האַרץ געפונען פון דער מאַסע,
צעווייינען אפשר זיך, אַז ס׳זאָל מיין קול אַזש גלעטן...
נו, איצט: האַ־האַ־האָט מיטלייד, ליבע מענטשן,
האַ־האַ־האָט ר—ח—מ—נ—ו—ת,
איר זאָלט ניט דאַרפן אָנקומען צו מענטשן — — —
נאָר אוי... מען קוקט ניט אַפילו, — בנאמנות! —
יעדער איינער לויפט נאָר פאַרביי און בליקט מיט ביטול,
טאָ אפשר גאָר זיך אויף אַ הויכן קול צעכליפּען?! —
מען זאָגט, אַז צו רחמנות — ווייינען איז אַ מיטל,
קרעכצן מיט די לעצטע כחות, גוססן און זשיפּיען...
גוסס איך און זשיפּיע: שענקט, איר זאָלט ניט דאַרפן קיין געשענקען,
אָ, זייט מרחם זיך אויף אַ בעטלער, וואָס האַלט ביים שטאַרבן...
ס׳איז ניט קיין שפּאַס דאָס בעטלען, מענטשן, ס׳איז אַ קרענקען,
נאָר כ׳קאָן ניט אַנדערש, כ׳בין אַ קראַנקער שאַרבן...
אוי, צי ווילט איר ניט פאַרשטיין?
צי האָט איר ניט קיין מענטשלעך האַרצן?
צי האַלט איר, אַז כ׳בין קיין מענטש ניט, נאָר אַ וואָרעם? —
פאַרוואָס זאָלט איר ניט מיטפילן איצט מיינע שמאַרצן? —
כ׳בין קראַנק, צעבראָכן, הונגעריק און אָרעם — — —
שוין לאַנגע טעג, אַז כ׳וואַלגער אום זיך איבער פרעמדע הויפן,
שוין לאַנגע טעג האָט מיין לייב קיין העמד ניט איבערגעביטן,
מען יאָגט מיך, ווי אַ הונט פון אומעטום, איך זאָל אַנטלויפן,
ווייל כ׳בין, שרייט מען, אַ מענטש, מיט שלעכטע זיטן...
טאָ משפּט שוין אַליין... איך האָב קיין כוח ריידן...
איך רעד סיוווי צו זיך נאָר זעלבסט, ווי אַ חסר־דעה;
ווער וויל דען הערן און פאַרשטיין אַ בעטלערס ליידן
אין צייט, ווען ס׳דאָמינירט די פויסט און „שוואַרצע מאה״? — — —

קוקט, איך שטאַרב... איך שטאַרב ווייל כ׳זע ניט קיין ישועה;
איך שטאַרב, ווייל כ׳האָב קיין מיטלען ניט צום לעבן;
ס׳זאָל כאָטש עמיץ עפּעס געבן אויף אַ רפואה! ———

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר... האַ!... אַזוי!... אַ פרייד!... מען האָט געגעבן!!!
אַ דאַנק! אַ דאַנק!.. זאָל אייך גאָט אָפּגעבן כפל־כפלים!!!
איר זאָלט ניט וויסן פון קיין צער און לײדן!!!
ר׳זאָלט רייך זיין פונעם בורא־השמים!!!
האָבן נחת פיל און פריידן!!!———
געגעבן... געגעבן... בנאמנות — געגעבן!...
וויפל?... וואַרט נאָר... כ׳זע ניט... האַ?... אַ ג—ר—אָ—ש—ן?
טפו זאָל עס ווערן!... ניט כדאַי געוועזן, כ׳לעבן,
אומזיסט נאָר אַזויפיל אָפּגעדראָשן!
אָט צו וואָס איך בין דערגאַנגען!
אָט ווי נידעריק איך בין געפאַלן!
יאָ, אַ גראָשן טוט מען מיר דערלאַנגען, —
זיינען מענטשן דאָס?... ניין! ניין! שאַקאַלן!...
אַזוי?... וועל איך פון היינט שוין מער טאָקע ניט בעטלען,
איר — מאָדערנע, נישטיקע וואַנדאַלן!...
כ׳וועל מער ניט קומען שוין פאַר אייך מיט מיינע צעטלען, —
מאָנען וועל איך, אָנמאַכן סקאַנדאַלן!
כ׳בין אויך אַ מענטש!
כ׳האָב אויך דאָס רעכט צום לעבן!
און כ׳וועל פאַר גראָשנס מער מיין איך שוין ניט פאַרקויפן!
גענוג געזשעברעוועט, געלעבט פון אייער געבן!
גענוג געוואַלגערט זיך איבער אייערע הויפן!
נאָט אייך אָפּ צוריק דעם גראָשן אייערן — איר יוכעס!
נאָט אייך אָפּ! נעמט! נעמט איר גליקלעכע און זאַטע!
איר — מענטשן פון אַ וואָרעמער היים, צו אַלדי רוחות!
איר — מענטשן כיטרע, צבועדיקע, בלאַטע!...
ווער בין איך דען? — אַ דרשן פון אַ בעטלער־דרשה,
וואָס לערנט שעה׳ען לאַנגע זיך, ווי קלוגער בעטלען, וויינען,
בכדי איר זאָלט מיר שפּאָטיש צווואַרפן אַ גראָשן,
אַז איך זאָל איבער אייער גוטסקייט מיינען? ———
גענוג! אַוועק מיט די מלבושים־שמאַטעס,
וועלכע ס׳האָבן ניט געטראָגן קיינמאָל מיינע אָבות!
פּרוווט איר, פיינע מענטשן, אָנטאָן זיך אין מיינע שמאַטעס

און בעטלען איין מינוט כאָטש, פּונקט ווי איך, נדבות! — — —
אַהאַ! איר מאַכט ניט ווויסנדיק זיך, איר טוט אײַלן,
ס׳פּאַסט אײַך ניט, טאַ צו וואָס־זשע מיט אײַך ריידן!
איך שווער: כ׳וועל אויסלערנען, ווי איר, די פּויסט פאַרביילן
און ס׳וועט אַ סוף נעמען צו מיינע ליידן!
יאָ, יאָ! כ׳וועל אויסלערנען זיך, כאָטש ס׳איז קעגן מיין געוויסן!
פון אײַך וועל איך עס לערנען, בנאמנות!
סוף־כל־סוף מוזט איר, אומווערדיקע יוכעס, וויסן,
אז ס׳קריכט מיר שוין פון האַלדז אײַער רחמנות! — — —
איך האָב גענוג דאָס לעבן מיין דורך „שיינער גנאַדע״!
צו־זאַט בין איך מיט נדבות אײַערע טאַטאַלע...
כ׳וועל וויזן אײַך, איר פּאַסקודניאַקעס, גראַדע,
אַז כ׳בין אַ מענטש — ניט ערגער פון אײַך אַלע!!! — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

מיין קמיע

אין שטורמדיקע צוויבער־טעג, פאַרוויקלטע אין סודי־סודות,
שפּאַן איך ניט אַליין מיין וועג, וואָס ציט זיך ווייט פאָרויס;
אויף מיין ברוסט טראָג איך אַ קמיע פון מיינע אַלטע זיידעס,
אויסגעהייליקט אין קדושה־ניגון פון דער אַלטער קלויז.

איך גיי אויפן רוף פון דורות, וואָס קומען מיר אומעטום אַנטקעגן,
טראָגט עס מיך אויף פליגל־רויש פון שאָטנדיקע נעכט;
אין פּרוכתן און גמרא־בלעטער שפּרייטן זיך מיר אַלע וועגן,
פלי איך קפיצת־הדרכ׳דיק צו מיין אויסגעבענקטער ערד.

און כאָטש אויף וועלטס חורבות וואַלגערן זיך נאָך מיינע דאַרע עצמות,
פיל איך שכינה׳ס בענקשאַפט־ליד אין דער האַרפע פונעם ווינט;
און ס׳באַגלייט מיך האַרציק דאָס געבעט פון שמות׳דיקע נשמות,
ווי ס׳באַגלייטן מאַמעס טרייקייטן דאָס גיין פון איר קליין קינד.

און עס גייט מיך טאַטנס בלאָסקייט נאָך, ווי אַ פאַרשטעלטער עדות,
זיינע קרייזלדיקע באָרד־און־פּאות און ברכות פון יעדן אינדערפרי;
די זמירות׳דיקע לכו־נרננה׳ס מיט די ציקלדיקע לכה־דודיס —
זיי וויקלען זיך מיר פיסטריט נאָך מיט פלאַמיקן געברי.

און מאַמעס הייסע תחינה־טרער פון שבת־ליכטלדיקער תפילה
האַלטן אין וועג מיך אונטער טריי און פאַרוועבן אין זייער חן, —
זע איך אין אַלע עקן וועלט מיין אייביק־פייערדיקע מגילה,
באַגלייט פון דורות־קדושים׳דיקן יאָמער־אויסגעוויין.

און — ווי אַ רואה־ואינו־נראה, גייט מיך נאָך פאַרשעמט מיין קינדהייט,
מיט אַ ספרל אונטערן אָרעם און אַ תהילים׳דיק געזאַנג,
און פילט אָן מיין יעדע מידיקייט מיט בטחון און מיט פרישקייט,
טרינקט־אָן מיין גייסט מיט האָפענונג און זויבערט דעם געדאַנק.

און דעריבער ווו איך קומען זאָל — מעג עס זיין אויף ערד פון טומאה, —
מיין אלמער אַלטע ספרים כ׳טרעף פאַרטייעט אין וועג׳ס שטויב;
און ס׳לייכט אַ שטענדער־ליכטל צו, ווי די אייביקייט פון מיין אומה
און היט אָפּ, ווי אַ שומר, מיך פון פרעמד׳ס נשמה־רויב.

שפרייז איך אַ באַ׳קמיע׳טער אין די גרעסטע זאַווערוכעס,
ווי ס׳שפרייזט אַ ריז באַפּאַנצערטער מיט פאַלקן חילות פיל;
פיל איך כ׳בין ניט איינזאַם דאָ און שרעק זיך ניט פאַר קיין רוחות,
ס׳ציט מיין וועג זיך גראַדיק־גלייך און כ׳שפרייז זיך דרייסט צום ציל.

— — — — — — — — — — — — — —

שארית הפליטה

ווער בין איך, וואָס אַלע איר קוקט מיט ליצנות
אויף מיר און צעפירט מיט באַדויער די הענט? —
אַ נשרף אויף וועם מ׳דאַרף האָבן רחמנות,
ווייל אַלץ האָט ביי אים ביז אַ פאָדעם פאַרברענט? — — —

ווער בין איך? — אַ רעשטל פון עפּעס אַ סחורה,
וואָס קיינער איז מער ניט קיין בעלן אויף איר?
אַ מצורע, צו וועמען מען האָט נאָך אַלץ מורא
זיך צורירן צוליב זיין מכה־געשוויר? — — —

אָ, יאָ! כ׳בין אַ נשרף, נאָר כ׳בין, ניט קיין נעבעך,
אַ נשרף, ביי וועם ס׳האָט פאַר׳שרפה׳ט אַלץ לאַנג;
כ׳בין אויך ניט קיין רעשטל צי מצורע — איר זעט דאָך, —
טאָ וואָס האָט איר מורא און כ׳טו אייך נאָך באַנג? — — —

איך בין דאָס געדעכעניש־פּיין פון פיל טויטע,
נאָר כ׳בין ניט קיין בעטלער פון שטרעקן אַ האַנט!
איך וויל מער ניט זיין קיין שארית־הפליטה,
שטעלט אָפּ דעם רחמנות! אַוועק נעמט דעם שאַנד!———

לאָזט לעבן מיך, כ׳לעבן, ווי כ׳וואָלט געקאָנט לעבן,
ניט גיט קיין נדבות, איך בעט אײַך, ניין! ניין!
איר מאַכט מיך אומגליקלעך מיט אײַערן געבן!
לאָזט פריי זיך באַוועגן, כ׳קאָן לעבן אַליין!

לאָזט קומען, לאָזט רוען אַ־דאָרט ווו כ׳וויל קומען,
כ׳בין מוחל אײַך, מוחל ס׳געזידלטע ברויט!
איך בין אויך אַ מבין אויף בליקן אויף קרומע —
זיי זיינען, איך זאָג אײַך, נאָך ערגער פון טויט!———

כ׳באַשווער אײַך מיט קללות פון טויזנטער טויטע:
— פאַרשטומט וועט אײַך ווערן די צונג און די שטים,
אויב רופן איר וועט מיך מער „שארית־הפליטה”
און זאָגן: „אַ נעבעך — רחמנות אויף אים!”———

פרילינג

ס׳האָט פרילינג אָנגעקלאַפּט מיט פינגער בלויע
אין די שויבן פון מיין הויז:
— נאָך זיצסטו מיט געדאַנקען שווערע, גרויע,
אויף דיין שטערן — קאַלטער שווייס!?

זע! כ׳האָב אָנגעפאַרבט מיט גרינס די ליפּן,
יעדן מענטש אַ קוש־טון גרייט;
כ׳זוך די עקן, כ׳זוך די קניפּן
פון דער שווערער זשאַווער־קייט ———

גיי אַרויס צו די צעגרינטע וועלדער
און נעם אַרום מיט זיי זיך דאָרט;
ס׳רופן בלויע בלומען־פעלדער,
ס׳פלאַמט דיין ניט דערזאָגטע וואָרט...

— — — — — — — — — — — — — —

האָב איך אויפגעפּראַלט די טירן, גרויע פענסטער
און געשיקט ווייט, ווייט מיין בליק:
פון הימל ציט אַוועק דער וואָלקן קלענסטער
און ער שטראַלט מיט שטומען גליק — — —

זארגלאזיקייט

ווער ווייס ווען ס׳איז, ווער ווייס וועמעס היינט ס׳איז,
ווער ווייס וועמעס מאָרגן, —
טאָ וואָס זאָל איך זאָרגן,
טאָ וואָס זאָל איך זאָרגן! — — —

פון שטראַלן פון העלע
אַ זון טוט זיך וועבן;
איך זע ניט די שטראַלן,
נאָר כ׳פיל, אַז זיי לעבן — — —

אָט שפּאַלט זיך די חושך,
מיט קראַך און יללה,
און פאַלנדיק זיפצט אויס
אַ פינצטערע קללה — — —

אַ וואָך גייט אַ נייע,
אַ טאָג ווערט געבאָרן;
אַ טאָג פון בראשית —
אָן ליידן, אָן צאָרן,

אַ טאָג אַזאַ בלויער,
פון אַנדערע וועלטן,
וואָס וועלן די נאַכט
פון דעם נעכטן פאַרשעלטן

און הויבן פון חורבות
דעם קראַנקן באַגינען,
וואָס האָט ניט דערגינט
און באַצייטנס צערינען. —

— — — — — — — — —

טאָ וואָס זאָל איך זאָרגן,
טאָ וואָס זאָל איך זאָרגן? —
ווער ווייס וועמעס היינט ס׳איז,
ווער ווייס וועמעס מאָרגן! — — —

דיספלייס׳ד פערסאָן *

אַרום און אַרום בערג געקייטלט אין רייפן.
אויף טרעפּלעך: בודקעס פון טרייע ס. ס. —
זיי האָבן געהיט דאָ, אַז ס׳זאָל ניט אַנטלויפן
חס־וחלילה קיין לעב׳דיקער מת.

עס וואַלגערן זיך שטיקער צעריסענע דראָטן,
באַראַק ביי באַראַק אין פאַר׳דאַגה׳טקייט שטייט;
עס טרויערן ווענטלעך מיט בלוט נאָך פאַרזאָטן,
פאַרווינקלט אין סודות פון פיינלעכן טויט.

צעטריבט־טויבע קאַמערן. קרעמאַטאָריע־רואינען. —
ניט איין ייד דאָ אין יאָמער ט׳פאַרבראַכן די הענט;
ניט איין יידישע פרוי האָט געדרירט זיך פון זינען,
ניט איין יידיש קינד ז׳דאָ געוואָרן פאַרברענט.

שטיקער האָלץ. ברעטלעך און אַייזנס צעדרייטע.
צעוואַלגערטע קוימענס און אויוונס פון ליים.
צעבראָכענע טאַטשקעס. טראָג־בעטלעך פאַר טויטע. —
דערציילן: אַ קבר ז׳געווען דאָ אין געהיים.

טויט־געלבלעכע גראָזן. — זיי ווילן ניט שפּראָצן,
ווייל איינגעזאַפּט האָבן פיל בלוט אָדער גאַז;
ס׳פאַרבעלמען זיך אויגן, שטום פרעגן און גלאָצן
און ס׳ביילן זיך פויסטן פון שטעכיקן האַס.

אָ, וואָס טו איך דאָ נאָך צווישן אָ־די קברים? —
איך, וועמעס לעבן ז׳געוואָרן דאָ פאַרברענט;
איך, וועמעס ווירדע ז׳געווען דאָ — אַ וואָרעם,
איך, וואָס האָב דאָ גוססן צומאָל ניט געקענט.

נאָר ס׳שטומט אַלץ אַרום מיט אַ שטום־שווייג כסדר
און בלינדע באַראַקלעך בלינד קוקן מיך אָן;
בלויז עכאָ פון בערג אַרום ענטפערט: אָ, ליידער!
דו ביסט דאָך אַ וואָגלער — דיספּלייס׳ד פערסאָן.

---

* 1 דיספלייס׳ד פערסאָן — פאַרטייטשונג פון ד. פּ. — היימלאָזער

2 עבענסע — אַ געוועזענער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין עסטרייך וווּ ס׳זיינען פאַרברענט געוואָרן צענדליקער טויזנטער יידישע קאַצעטלער און וועלכער איז שפּעטער, אין יאָר 1946 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ די־פּי־קעמפּ.

און נאָנט ביי די בערג, דאָרט אויף יענער זייט דראָטן,
אין פּרעכטיקע הייזער זיצן זיך אויבנאָן
די שמשים פון קבר דעם, — זיי לאַכן און שפּאָטן
און טייטלען מיט די פינגער: דיספּלייס'ד פּערסאָן! — — —

איך פיל דאָס געלעכטער און ס'נאָדלען מיך ליידן,
עס קלאַפּט פון פאַרדראָס, בלויז אַ צאָן אין אַ צאָן;
טאָ זאָלן שוין די עדות'דיקע בערג פאַר מיר ריידן —
אָ, טאַקע, נאָך אַלץ אַ דיספּלייס'ד פּערסאָן!? — — —

כ'קאָן ניט ליידן

כ'קאָן ניט ליידן, ווען דייטשיש מען רעדט און מען זינגט,
ביים ראַדיאָ, אין קינאָ, טראַמוואַי אָדער גאַס;
יעדעס וואָרט אַזוי קאַלט, אַזוי שרעקלעך מיר קלינגט,
יעדער קלאַנג — מיר אַ דאָזע פון ווייטיק און האַס.

כ'האָב די ערגסטע זילזולים אויף שפּראַך דער געהערט,
כ'האָב די גרויע מענטש־חיה דורך שפּראַך דער דערקענט;
עס האָט אָט די שפּראַך אַלץ וואָס הייליק פאַרשוועכט
און חוצפּה'דיק יעדע נאַאיווקייט געשענדט.

אויף איר האָט דער מערדער מיין שוועסטער פאַרגוואַלדט,
אויף איר איבער זקנים געפּראַוועט זיין שפּאָט;
אָט די שפּראַך האָט פאַראומערט מיין מאַמעס געשטאַלט
און טאַטעס געלעסטערט אין ווידוי צו גאָט...

אויף דער שפּראַך זיינען טויזנטער קינדער צום גרוב
געטריבן געוואָרן מיט רציחה און כעס;
אַ קלאַנג פון דער שפּראַך — געווען שרעק איז אין שטוב,
אַ וואָרט פון דער שפּראַך — געווען טויט איז אין גאַס...

טאָ ווי קאָן איך הערן גלייכגילטיק אָ־די שפּראַך!? —
ניט פרעג: "וואָס איז שולדיק אַ שפּראַך אָדער קלאַנג?",
ניט זאָג: „ס'האָבן גאונים באַנוצט זי אַ סך, —
מאָצאַרט און היינע, שובערט און פויכטוואַנג...

— — — — — — — — — — — — — —

כ'קאָן ניט ליידן, ווען דייטשיש מען רעדט און מען זינגט,
ביים ראַדיאָ, אין קינאָ, טראַמוויי אָדער גאַס;
יעדעס וואָרט אַזוי קאַלט, אַזוי שרעקלעך מיר קלינגט,
יעדער קלאַנג — מיר אַ דאָזע פון ווייטיק און האַס.

איך גיי *

איך גיי! —
דער וועג ז׳אַ ווייטער און אַ שווערער.
טייכן. בערג און פעלדער. דערנער.
הימלען. וואָלקנס. שליאַכן ברייטע.
שטעג און שטעגעלעך צעדרייטע.
וועלדער. גריבער. פעלזן. שטיינער. —
און אין דעם בין איך נאָר איינער.
איך — מיט מיין באקאנטן פעקל:
שוידער, ווי אַ פולער זעקל.
און איך גיי.

ס׳איז ניט קיין גאַנג פון דעזערטער,
ס׳איז ניט דאָס גיין אַהין־אַהער
פון מיין אַלטן, קראַנקן זיידן
פון איין אָרט נאָר און צום צווייטן,
ביז עס האט אויך דאָרט אים, ליידער,
אָנגעיאָגט, פאַרפּאָלגט דער שוידער.

— איינס, צוויי!
— איינס, צוויי!

שטעלט ווער אָפּ מיך און טוט פרעגן:
„זאָג, ווו פירן דיינע וועגן?
און אין גרוילעכע פאַרטאָגן
ווו טוט דיך דער רוח טראָגן?...
פון וואַנען ביסטו און ווער ביסטו?"
— „כ׳בין פון אַייזן!... נו, וואָס ווילסטו?
און א ייד בין איך, כ׳טו אַיילן..."
— „הע, צו דיין הים ז׳נאָך דאָ פיל מיילן!
וואָס פארקויפסטו דאָרט אין זעקל?"
— „ביטע! כ׳קאָן דיר שענקען ס׳פעקל! — — —"

און איך גיי.

פאַרהאַלט דער שטן מיך אַזוי:
— „האַלט! ווו גייסטו? שטיי, ניט גיי!..."

* אינסצעניזירט און אויפגעפירט געוואָרן אין די שארית־הפליטה־לאַגערן פון עסטרייך, דייטשלאַנד און איטאַליע.

— „איך גיי אַהיים !"
— „דו וועסט ניט קומען!
זעסט, די שטורמס נעמען ברומען,
ס'וועט באלד דונערן און בליצן,
נאָר אויב דו ווילסט, קאָן איך דיך שיצן...
רו דיך אָפּ דאָ, קאָנסט נאָך זיצן,
ביז ס'וועט ווער די ציין פאַרקריצן...
וואַרף אַוועק דיין שווערן פעקל
און וואָס נוצט דיר אָט דאָס שטעקל? —
ס'מאכט בלויז גרעסער דיינע צרות
און דיין היים דאַרפסטו אויף כפּרות! —
זי איז אָרעם, קליין פון ליידן
און געשמידט אין טויזנט קייטן.
זעסט: דאָרט שפּיצן זיך פיל מויערן
מיט באצירטע, גאָלדענע טויערן,
ס'בלענדט זיך אַלץ אין ליכט און פייערן,
לאָקט און ווינקט מיט לעבן טייערן;
דאָרט איז לוסטיק, גוט און פריילעך,
און אויב דו ווילסט, קאָנסט, ווי אַ מלך,
עסן, פרעסן זיך גאַנץ ווױלעך...
נאָר... דאַרפסט וויסן: אָט דיין הולך...
וואַרף אַוועק בלויז דיינע זיטן,
לערן חנפה'ן זיך... מיט גוטן...
נעם שער אָפּ די באָרד און פאות,
ביסט דאָך דער פון טויזנט דעות...
און כאָטש שוואַך ביסט — קאָנסטו ווייזן
וווּנדער פיל אָן קלענסטע גרייזן...
אויסגעשפּאַנט שוין אַלע גרענ'צן, —
טאָ גיי מענטשל זיך מיט מענטשן,
מען וועט ליב קריגן דיך, כ'לעבן,
און וועסט לעבן! און וועסט לעבן! ———"

— „וועסט מיך שטן ניט פאַרנאַרן,
צופיל בין איך שוין דערפאַרן...
כ'בין אַ ייד לויט די סימנים:
אויגן, נאָז און גרויען פּנים,
דאָך פאַר דעם טוט מען מיך פּלאָגן,

דאָך פאַר דעם טוט מען מיך שלאָגן;
דאָך פאַר דעם טוט מען מיך טרייבן,
טאָ אַזאַ וועל איך שוין בלייבן!...
יאָ, און פאַר מיינע טויזנט דעות —
געגוג געשוירן באָרד או פאות! — — —
כ׳וויל שוין מער ניט קיין פּאַלאַצן,
ווו כ׳קאָן פרעסן און דאַן פּלאַצן!
ווער פאַרכאַפּט, דו טייוול־שטן!
ס׳וועט דיר היינט מער ניט געראָטן!
געגוג געדינט דעם פרעמדן מולך!
און ס׳איז גוט מיר גראָד מיין הולך,
וואָס האָט דווקא מיך דערהאַלטן
ביי מיין לעבן אין טאָג קאַלטן:
טאָ גיי, הערי שטן, גיי אַוועק!
דו וועסט ניט אָפּשטעלן מיין וועג!!!

און איך גיי.

ס׳דונערט, ס׳בליצט, עס קראַכט און ס׳שטורמט,
און איך גיי אין שטאָלץ געפורמט;
כ׳טראָג דערפאַרונג אין מיין בוזם,
כ׳שרעק זיך מער ניט, איך טו צוזען
אַלץ וואָס ס׳טוט זיך און מיין ווילן
שוואַכט ניט אָפּ או טוט ניט שטילן.

הערי, דונערס, דונערט! הערי, בראַנד־בליצן!
איר וועט ניט אָפּשרעקן מיך! וויצן
זענט איר אין פאַרגלייך מיט שחיטה,
מיט קרעמאַטאָריעס צעגליטע,
וואָס געזען כ׳האָב מיט די אויגן —
טאָ זאָל איך פאַר אַייך זיך בויגן? — — —

איינס, צוויי!
איינס, צוויי!

איר הערט דאָרט מיינע טריט? — איך גיי!
יעדער טראָט — אַ דונער אונטער מיינע פיס
און ס׳וועט זיין אָפּהילך אייך פאַרטויבן אויף געוויס!
שטורמט ווינטן אַייך געזונטערהייט,
כ׳וועל טראָגן זיך אויף פליגלען פונעם הזיו.

מיין אימפעט שטאַרקער איז פון אייך און ערגסטן בראַנד,
מיין אָטעם-ווײ קאָן דורכברעכן אַ טורעם-וואַנט,
ווייל כ'טראָג מיט: כעס, האַס און צאָרן,
וואָס כ'האָב אָנגעררייכט במשך יאָרן
און שטאַרק געמאַכט מיך ווי אַ שטיין,
און ווייל איך גיי, איך גיי אַהיים!
איך גיי!!!

אלול אין לאגער

ס'איז דער אלול דאָ געקומען
איינגעהילט אין פרעמדן קלייד;
ראש-השנה און יום-כיפור
קומען אָן גאָר שטילערהייט...

ווערט מיין האַרץ אויך שטאַרק פאַרטרויערט,
די נשמה — ווי אַ שטיין...
ווו זשע גיסט מען אויס דעם אומעט? —
כ'וועל אויף קבר-אָבות גיין!

כ'וועל דאָרט צופאַלן צו קברים
און צעכליפּען זיך אָן שיער,
און לאַנג וויינען און לאַנג שלוכצן
ביז ס'וועט גרינגער ווערן מיר.

נאָכדעם וועל איך גראָשנס טיילן
פאַר די אָרעמע פיל לייט,
פונקט ווי שטענדיק, אַלטער שטייגער,
אין קליין שטעטל, אלול-צייט.

אויף דעם שמש כ'וועל באַשענקען
פאַר די גרויע אויגן צוויי... —
וועט ער זיידעס קברים צייגן
און „אל-מלא" מאַכן זיי.

נאָר צום אלטן בית-החיים
איז די סטעזשקע טרעפן שווער
און דעם אָבל'דיקן פאַרקאַן
עפּעס זעט מען שוין ניט מער.

אומעטום נאָר שפּראָצן גראָזן,
אָן מצבות, אָן פּ״נ...
ווו זשע זיינען די עניים?
און דער שמש איז וווהין? ———

שטיי איך נאַריש צווישן שליאַכן,
אָנגעאָלול׳ט מיט געוויין,
זוך אַרום דעם בית הקברות
און איך ווייס ניט ווו צו גיין ———

אין שטויב פון דער וועלט

אוי וויי ז׳מיר, וואָס טוט איר אויף מיר אַזוי קוקן
און שפּיזט מיך רחמנות׳דיק דורך מיט די בליקן? —

אַ בעטלער על דלתי הפּתחים, אַ פרעמדער,
מיט קלומעק אין האַנט און אַ האַנטוך, צוויי העמדער?

אוי קוקט ניט, איך בעט אייך, עס שרעקן מיך אויגן, —
זיי האָבן מיין לעצטן געמיט אויסגעזויגן;

זיי האָבן באַרויבט מיך, פון פריידן פאַראָרמט,
פאַר׳בושה׳ט און נידערגעשלאָגן־פאַרצאָרנט.

מיך הארט ניט צי יאָ כ׳האָב, צי ניט כ׳האָב געגעסן,
נאָר שטויב פון דער וועלט האָט מיין האַרץ אויפגעפרעסן, —

טאָ קוקט ניט, איך בעט אייך, עס שרעקן מיך אויגן,
זיי האבן מיין לעצטן געמיט אויסגעזויגן.

פרעמד

ס׳האָט גורל אַ גלעט געשענקט מיך איבער גרויע לאָקן
און אַ קניפּ געטון די בלאַסקייט פון מיין באַק, —
בין איך אַנטלאָפן אין אָבל־אויסגעשטרייפטע זאָקן
פון אונטער מלאך־חבלה׳דיקער האָק.

האָבן בייזע ווינטן מיך אין פרעמדער פרעמד פאַרטריבן
און ווינטיקייט ט׳מיין יעדן גאַנג פאַרוויט;
די וועלט זיך אָפּגעשלאָסן האָט אויף שלעסער זיבן
און כ׳האָב אויף אומוועג אָטעם מיין צעזייט.

אויסגעצוואָגן זיך אין בליציק־דונערדיקן שטורם
האָט אומעטום דערשנאָפּט מיך זעלבסט מיין האַס;
ווי אַ וואָגלער־הונט געלעקט כ׳האָב אייגענע יסורים,
אַ הונט — פאַרבלאָנדזשעטער אויף קיינעמס, קיינעמס גאַס.

כ׳בין קיינעמס ניט געווען, נאָר אַלץ געווען איז מיין נאַר,
איך — אַ בלאַט אויף ווינט און מיין — איעדעס טראָפּן סם;
אויף אַלע סטעזשקעס — פּחד, אויף אַלע שוועלן — איינער,
געשליידערטער אין ברייטן אומרו־ים.

איך האָב געקלאַמערט זיך אין שווערד פון שעה דערוואַרטער,
אויסגעבלינדט די אויגן זיך נאָך זונען־טעג, —
איז אונטערוואָגל געבוירן מיין משיח אויסגעגאַרטער
און כ׳בין אין לעצטן מונטערגאַנג נאָך אים אַוועק.

לאַגער

דער אומעט האָט זיך איינגעוואַשן היינט אין תּכלית׳דיקע טרערן
און אויסגעבאָדן מיין גאַנצן וואָגל־גוף אין זיי;
ווי טאַבאַק־בלעטער, אויסגעלייגט די קנייטשן אויף מיין שטערן
און אַנגעגאָסן זיך צום פרישטיק אין אַ טיי.

עס ענגט די אומגעדולד אויף דראטן, ווי אַ קאַליעדיקער זייגער
און קלאַפּט אויס אַ שעה אַזאַ, וואָס איז ניטאַ...
ליגט דער לאַגער אויסגעצויגן, ווי אַ האַלב־לעבעדיקער פּגר,
אויף וועלכן ס׳האָט די צייט געשטעלט זיך, ווי אַ קראַ...

צוקאָפּנס לייג איך אונטער יעדע נאַכט די בלאַסע לבנה
און היל זיך אַיין אין שיין אירער — אַ דעק;
קוקט ווערבע אין מיין פענסטער — אַן אָבלטע־אַלמנה, —
און שאָקלט זיך אין תּפילה׳דיקער שרעק — — —

הינטערן טויער פונעם לאַגער שטייט די פערד מיט קעלט פאַרשאָטן
און בעט זיך צו מיר אין קאַלטן באַראַק אַריין,
נאָר ס׳לאָזט דער לאַנגווייל־שומר זי ניט פאַר די שטאַכל־דראָטן,
ווייל זי איז קיין די־פּי ניט און האָט קיין שטאַטלאָז־שיין — — —

אַ בינטל קונסט

כ׳האָב היינט אין גאַס אַ בינטל קונסט געקויפט:
אַ דייטשיש מיידעלע איז מיט בלומען
געשטאַנען אין אַ ווינקל־ראָג און שטיל פאַרקויפט, —
האָב איך פון הענטל אירס אַ בינטעלע גענומען
און באַצאָלט די פעניגס מיט געמאַכטער פרייד, —

מסתם איז איר מוטער אַן אַלמנה, נעבעך, קראַנק,
און אין שטוב האָט אויסגעפעלט אַ שטיקל ברויט. — — —

די שטאָט איז דאָך באַלעבט געווען פון דייטשן פיל,
גלייך ס׳וואָלט קיינער ניט געפעלט פון זיי.
נאָר אָט האָב איך דערזען אַ דייטש מיט אויסגעשטרעקטער האַנט,
וואָס בעט מיט וויי:
— „בראָט! אַ שטיקכען בראָט!"
דערביי וואַרפט טומלדיקע בליקן אַרום זיך: „אָ גאָט!" —
האָב איך שנעל אים אַ נדבה מיט האַרץ דערלאַנגט
אין זיין אויסגעשטרעקטער, דאַרער האַנט.

אַ גרויסע שטאָט. אַ ברייטער דייטשן־מאַרק. אַ זון־אַגאָניע.
אַ באַשפּרינקט־געל־האַריק דייטשל — יונגער קינסטלער
זיצט מיט אַ האַרמאָניע
און דעם רווח פון זיין יעדע אויסגעשפּילטע ליד מיט גנאָד
עסט ער אויף אין אַ דערלאַנגטן „שטיקכען בראָט" — — —
בין איך־צו צו אים: שפּיל דייטשל מיר אַ ליד פון נויט,
שפּיל! — ס׳איז אינטערנאַציאָנאַל דער טויט,
אינטערנאַציאָנאַל! — — —
האָט ער געענטפער מיר: (אפשר מיט גאַל)
— „ס׳איז מיר עגאַל,
דו ביסט אַ דייטש צי בינסט אַ ייד,
אַ שטיקכען בראָט איך וויל, אַ שטיקכען בראָט!" —
און גענומען שפּילן מיר זיין איינגעאיבטע האָרסל־וועסל־ליד. —
האָב איך ניט איבערגעריסן אים, ניין, ניין,
וויל איבערהויפּט —
האָב איך אַ בינטל קונסט אין גאַס פון דייטשער שטאָט געקויפט!

איך מעסט ניט

איך מעסט ניט ניגונס אויפן מעטער,
כ׳שעפּ פון טייכן קיין געווין;
עס שרעקט מיך ניט קיין נאַכט־געוויטער, —
כ׳ליב אַנטקעגן שטורם גיין.

כ׳ליב ווען האַרץ ברויזט אויף מיט וויכער
און כ׳געהער ניט זיך אַליין — — —

כ׳בין דאַן טויזנט מאָל גאָר זיכער, —
כ׳וועל צום ווייטן ציל דערגיין.

כ׳ליב די צייט פון ניט פאַרצייטן,
טעג אין וועלכע אַלץ פאַרשווומט;
טרוים־געקום פון וועג פון ווייטן,
האָפענונג ווען נאָר זי קומט.

ס׳אַרט מיך ניט זאָל זיין געליטן
אויב דער טאָג נאָר זיך באַגריסט,
אויב דאָס גליק האָט ניט פאַרמיטן
און געוועזן ס׳איז ניט אומזיסט.

כמארעס

פאָלקן כמאַרעס גייען, ציען,
פאָלקן קלעטערן אויף הימל;
ממש ווי די רייטער פליען, —
קלאַפּט דער רעגן־פּויק צום רימל.

קריכט אַ כמאַרע אויף אַ כמארע
ווי אין טייך אַ פלעסניע־שימל,
קריעס־כמאַרעס מאַכן וואַרע
זיך אין כמאַרעדיקן טומל.

זעט דער הימל אויס ווי ר׳וואָלט זיך
אָנגעטון אין נאַסע אויזן,
צי ניט־אויסגעדרייטן וואָל־טוך,
צי באַדעקט מיט פלעדערמויזן.

און דער ווינט טרייבט — זיינען כמאַרעס:
טאָוואַראָווע באַנען יאָגן...
אָדער אָקסן פון קאָשאַרעס
וואָלטן רוחיש זיך צעטראָגן.

נאָר ווער דאַרף אַ הימל גרויען? —
און ווער וויל אַ כמאַרע־הימל!
איך ליב הימל אָן שום שימל,
איך ליב הימל נאָר אַ בלויען.

קינדער־טענה

מיין הייס־געליבטן אליעזר׳קע — געווידמעט

אין פאַרנאַכטן קאַלטע, טריבע
ווען איך זיץ מיר ביי דער הריבע
א דערפרוירענער און מידער,
זיץ און זינג דאָך מיינע לידער, —
שלאָגט מיין קינד מיך תמיד איבער,
כ׳זאָל ניט זינגען יאָמער־לידער, —
ער וויל מער זיי שוין ניט הערן,
בעסער זאָל איך אים דערקלערן
וועגן דעם וואָס ס׳וויס ניט קיינער,
סיידן, סיידן איך נאָר איינער — — —
און נעמט פייניקן מיט פראַגן
אַז עס נעמט ביים האַרצן נאָגן
און אַ קאַלטער שוויס באַשלאָגן,
ווייל איך וויים ניט וואָס צו זאָגן,
ווו זאָל איך אַן ענטפער נעמען —
סיידן כ׳זאָל אויף פרעגן ווענען! — — —

*

— טאַטע, — טענה׳ט ס׳קינד מיט ליבע, —
טאַטע מיינער, טאַטע טריבער,
טאַטע טרויערדיקער־קליגער,
דו ביסט גרויס דאָך און שרייבסט ביכער,
וועסט מיר ענטפערן דעריבער,
וועסט מיר ענטפערן אויף זיכער:
האָסט מיט מיר דאָך אויסגעפאָרן
לענדער פיל אין די פאָר יאָרן,
כ׳בין אַ שותּף צו דיין צאָרן
און לעם דיר אויס קינד געוואָרן,
כאטש ס׳גייט מיר דער יאָר ערשט צענטער, —
זאָג, פאַרוואָס־זשע אַלע לענדער
האָבן טאַנקן, אַעראָפּלאַנען,
האָבן שיפן, האָבן ימען;
האָבן אייגענע לינקאָרן,
האָבן ריזיקע מאָטאָרן,

און מאַשינען און פיל באַנען
און מיר יידן — אָ, ביז וואַנען,
אָ, ביז וואַנען וועלן פאָרן
און זיך צוקוקן מיט צאָרן? ———
ווייסט דאָך: איך וואָלט זייער וועלן
קעמפן מיט צעבייזטע וועללן,
רויש פון שטאַרקע שטורמס הערן,
אָדער גאָר אַ „ליאָטשיק" ווערן
און אין ווייטע וואָלקנס פליען
מיט אַן אויפשריפט: „ציון", „ציון"!
גלויב מיר, כ'קאָן אַ שבועה געבן:
כ'ציטער ניט איבער מיין לעבן,
און דער טויט איז מיר ניט שרעקלעך,
כ'קאָן צעפליקן אים אויף ברעקלעך...
נאָר... דער פלאָט מוז, ליבער טאַטע,
זיין פון דרייסטע יידן־יאַטן
און באַשטיין פון פלינקע קינדער,
דעמלט וואָלט איך וויזן וווּנדער...
— קאָנסט מיך אויספרווון, אויב נויטיק! —
שרייען נעמט דאָס קינד מיט ווייטיק, —
ביטע! קאָנסט אין פלאָט מיך געבן, —
זאָל איך טאַקע אזוי לעבן! ———
נאָר... ווו זיינען אונדזערע פלאָטן
און בעטאָננע, שטאַרקע דזאָטן? ———
כ'וויל אַ תשובה זאָלסט מיר געבן,
ווייל איך וויל נאָך עפּעס פרעגן...
נאָר... וואָס שווייגסטו, טאַטע ליבער?
טאַטע קראַנקער, טאַטע טריבער? ———

דאַן אַ ווײַלע שווייגן בלייבט ער,
אין די אויגלעך גלאַנצן טרערן;
נאָכדעם נעמט ער טענה'ן ווייטער,
אַז איך ווער אַזש מיד צו הערן...
און נעמט קינדעריש זיך היצן
און צערעדט זיך — ניט אויף וויצן...
און טוט ריידן, און טוט ריידן,
ריידן — שיטן זאַלץ אויף ליידן...

זיינע אויגלעך גלאַנצן, ברענען,
גלייך זיי וואָלטן זוכן וועמען;
זוכן ווייטע ימען, ברעגן,
זוכן שליאכן, זוכן וועגן — — —

— האסט געזאָגט מיר, ליבער פאָטער,
אַז עס לאָזט אונדז ניט דער טאָטער
אינעם אייגן לאַנד צו קומען,
אויף דעם ברייטן ים צו שווומען
און מיר מוזן גנב'ען גרענ'צן,
שלייכן ווי די שאָטנס־מענטשן...
לענדער פיל אַריבערשפּאַנען,
אַן אַ „ווען"און אַן „פון וואַנען".
האָסט געזאָגט אויך, ליבער טאַטע,
אַז ס'פילט קיינמאָל ניט דער זאַטער,
און ווער ס'איז אין גרויסע צרות
שלאָגט מען נאָך מיט אים כּפּרות...
זאָגסט אויך, אַז די וועלט ז'אַ גרויסע,
פול מיט מענטשן שלעכטע, בייזע
און פאַר אונדז ז'ניטאָ קיין אָרט גאָר,
ווייל מען טרייבט פון אומעטום נאָר
און מען יאָגט אונדז, ווי די האָזן, —
דער הייסט גיין, דער וויל ניט לאָזן!
ס'איז ניטאָ צו וועמען, ריידן
און פאַרשטיין זאָל אונדז'רע ליידן,
נאָר...כ'פאַרשטיי ניט, ליבער פאָטער,
ווער איז דאָס אָט יענער טאָטער,
וואָס האָט זיך דאָס רעכט גענומען
אונדז ניט לאָזן גאָר צו קומען
צו זיך אַהיים? — ס'איז אַ שגעון!
און פאַר אונדז אַ גרויס בזיון!
כ'וויל דיר טאַטע מער ניט זאָגן:
כ'וואָלט די ציין אים אויסגעשלאָגן
און די אויגן אויסגעריסן, —
וואלט ער וויסן, וואָלט ער וויסן
וואָס באַדייט זיך וואָגלען, פּלאָגן
און אַהיים זיך ניט דערשלאָגן!

שיק מיר, כ׳בעט דיך, אָט צו יענע,
וואָס שוין טויט צי לעב׳דיק זענען
און אַלץ קעמפן אויף די ימען
מיטן שטאַרקן טאָטער־שונא, —
איך וויל זיין מיט זיי צוזאַמען,
איך וויל זיין פון זיי אויך איינער! — — —

און כ׳בעט דיך, טאַטע, מיר פאַרטייטשן,
וואָס מיר טוען נאָך צווישן דייטשן? —
ווייל דו ווייסט דאָך, קאָנסט דאָך פראַנצן, —
ער טוט ווייטער זינגען, טאַנצן...
ס׳וואָלט געווען אַ יושר, כ׳לעבן...
נאָר ס׳איז איבעריק צו רעדן...

אט אַזוי רעדט ס׳קינד אָן אויפער.
מיט התפעלות און מיט אייפער.
רגע׳ווייז בלייבט ער שטילשווייגן,
גלייך ער וואָלט פון עפּעס ליידן...
און אין רגע פון ניט ריידן
צייטיקן זיך זיינע ליידן.

— טאַטע! — נעמט ער ווידער טענה׳ן, —
זאָג, צי אמת — ס׳טוט מיר שיינען,
אַז מיר אַלע, אַלע יידן
זיינען יידן און — ניט־יידן?...
אָט, למשל, כ׳קאָן אָנציילן
קינדער פון אונגאַרן, פּוילן,
רוסלאַנד, ליטע און עסטאָניע,
טשעכן, דייטשלאַנד און רומעניע,
און די אַלע, אַלע קינדער,
אַלע ריידן מיר באַזונדער...
אין טאַשקענט און אין סאַמאַרע,
אין סווערדלאָווסק און אין בוכארע
האָב איך זיך מיט זיי געטראָפן
און גאָר ניט געקאָנט זיך שפּילן, —
בלויז דורך ווינקען אָפּגעטראָפן
וואָס זיי זאָגן, וואָס זיי ווילן...
און כ׳וואָלט שווערן, אַז מיר האָבן

גאָר באַזונדערע געפילן...
ס׳איז אוי, כ׳לעבן, אַ רחמנות
און אַ ווייטיק, בנאמנות,
ווייל אויב אַלע זיינען יידן —
וואָס זשע ריידן מיר פאַרשידן? ———
נאָר...דו שווייגסט אַלץ, טאַטע ליבער,
תמיד זיצסטו נאָר אַ טריבער...
וואָס זשע שווייגסטו, וואָס זשע דאַכטסטו?
וואָס זשע קלערסטו, וואָס זשע טראַכטסטו?
וואָס זשע, זאָג מיר טוסטו מיינען?...
שאַ נאָר...דוכט זיך...דו טוסט וויינען!?...
גוט, אויב כ׳טו דיך נאָר ויפרעגן,
וועל איך היינט שוין מער ניט פרעגן.
זיי מיר מוחל, ליבער פאָטער,
נאָר עס פייניקט מיך דער טאָטער...
קינדער...פראַנצל...אַעראָפּלאַנען...
און מיר יידן אָ, ביז וואַנען?...
נאָר זאָל זיין...אַ צווייט מאָל בעסער...
כ׳וועל פאַרשטיין...כ׳וועל ווערן גרעסער...

— — — — — — — — — — — — — —

אין פאַרנאַכטן קאַלטע, טריבע,
ווען איך זיץ מיר ביי דער הריבע,
אַ דערפרוירענער און מידער,
זיץ און זינג דאָך מיינע לידער, —
שלאָגט מיין קינד מיך תמיד איבער
כ׳זאָל ניט זינגען יאָמער־לידער,
ער וויל מער זיי שוין ניט הערן, —
בעסער זאָל איך אים דערקלערן
וועגן דעם וואָס ס׳וויס ניט קיינער,
סיידן, סיידן איך נאָר איינער ———
און נעמט פייניקן מיט פראַגן,
אַז עס נעמט ביים האַרצן נאָגן
און אַ קאַלטער שוויס באַשלאָגן,
ווייל איך וויס ניט וואָס צו זאָגן,
ווו זאָל איך אַן ענטפער נעמען, —
סיידן כ׳זאָל אויך פרעגן ווען! ———

עסטרייך, לינץ־וועגשייד, 1946

אז ישיר

אין מאַרש פון תחית־המתים־אויפגעשטאַנענע אַבלים,
צוריק צום סיני־באַרג, דורך מדבר און עמק־הבכאָ־טאָל —
טרעט איך אויף יאָרן־שערבלעך, אָפגענוצט־צעבראָכענע, ווי אַלטע כלים
און זינג דעם גרויסן נס פון „אָז ישיר״, ווי אַמאָל:
— אָז ישיר! — — —

אָז ישיר, מיט טאַטעס בלאַסע, באַ׳טלית׳טע, איך האָב געדאַוונט,
שטייענדיק ביים אלטן סטענדער מיט חלב אויסגעטריפט,
און געניגונט יעדן טאָג, ניט זייענדיק אַלס קינד באַהאַוונט
וואָס מיינען סידור־שמות, אַלט־צעשאָטענע, מיט גרויסן שריפט:
— אָז ישיר! — — —

אָז ישיר, — דאַן, אין טעג פארחושכטע, כ׳האָב אויך געזאָגט אים ברויזיק
ווען מלאַך־המוות ז׳געשטאַנען איבער מיין דאַרן האַלדז,
און מיט אַ מעסער פאַרשטעלט מיך זינגען, שערנדיק מיין באָרד
מיט חוזק,
און איך — דורך טרערן האָב געזונגען און געדאַוונט אַלץ:
— אָז ישיר! — — —

אָז ישיר, — אַזוי צוויי טויזנט יאָר האָב איך אין האַרצן אוסגעסידורט
און געוואַרט מיט אומגעדולד, געוואַרט אויף יענעם גרויסן טאָג...
דעם ים מיט טרערן אין סידור בלויז געשפּאָלטן שטיל, דערווידערט,
דעם שונא — אין קלויז מיט תפילות געוועזן מנצח און געזאָגט:
— אָז ישיר! — — —

און אָז ישיר זינג איך איצט און כ׳זינג ניט בלויז אין סידור,
און ס׳זינגען הימלען און מדבר־זאַמדן מיט מיר מיט אין כאָר...
זיינען אויפגעשטאַנען שקלאַפן פון זייער שעבוד, פּונקט ווי דעמלט
ווידער,
מיט חליל און פּויק פון יענער שירה, אויף דער וואָר:
— אָז ישיר! — — —

אָז ישיר — זינגט מיין זעלע, זינגען בלוטן אויפגעברויזט און
הערצלעך,
זינגען גרעזלעך, יעדער פויגל, באַרג און שטיין;
פּראַלן קברים אויף און לאָזן זיך אויך הערן שמערצלעך
און ס׳שטראַלט אין שכינה, דוכט זיך, גאָט מיט מיר אַליין:
— אָז ישיר! — — —

האַרבסט אין לאַגער

ס׳ליגט טרויעריק דער לאַגער, געקורטשעט אין ווייען,
דער הימל גרויט איבער זיין קאָפּ, ווי אַ זאַק;
ווי יידן צו נעילה — די בוימער דאָ שטייען
און ס׳שטייט, ווי אַ קבר שטום, יעדער באַראַק.

נאָר טיף אינגעווייד פון די קברים טוט ווימלען
מיט רוישיקן לעבן און נע־ונד־חן...
בחורים מיט מיידלעך דאָרט לעבעדיק טומלען,
פאַרשריען פון קינדערשן יאָכמער־געוויין.

עס פּאַקן זיך פּעקלעך — אַ ברויט און צוויי העמדער, —
מען איילט זיך וואָס שנעלער גיין צו דער באַן;
ווי פויגלען, וואָס פליען אין די וואַרעמע לענדער
מיט אָנקום פון הערבסט אין אַ פלי־קאַראַוואַן — — —

נאָר איך, ווי אַ פויגל אין נעסט, ניט געזונטער,
וואָס קאָן ניט אויך מיטמאַכן שטורמישן פלי, —
געבליבן אויף חסד פון שטורמס, אויף ווינטער,
געפון מער אין לאַגער קיין נעסטיקע רו — — —

צעוויינען זיך הימלען מיט וואָלקנדיקע טרערן,
ווערט ליידיק דער נעסט פון די יידישע פּעק;
איך שטיי און קוק נאָך און פליגל־רויש טו הערן —
פליט פויגעלעך, פליט! איך אַ גליקלעכער וועג! — — —

אויף די שליאַכן

1

אויף די שליאַכן פון דער גרויסער וועלט
בין איך געשטאַנען איינער־אַליין,
געשטאַנען מיט אַ קללה אין מויל
און געשאָלטן מיט ווייטיק און גרויל;
אויסגעגאָסן אין אַ פראַגע מיין געוויין
פאַר חיה, פאַר פעלז און פאַר שטיין:
— זאָג חיה און פעלז, זאָג פאַרשטיינערטער שטיין, —
עס הערט דאָך דאָ קיינער, חוץ איר און איך נאָר אַליין, —
צי בין איך דען ערגער פון אַייך, אָ מיט וואָס?...
צי בין איך שוין נידריקער טאָקע פון גראָז,

און ווערטער פון מיר איז דאָס שטויב פון ברעג טייך? —
מיט וואָס?
מיט וואָס בין איך ערגער פון אײַך? —
אויך איך דאַרף, ווי איר, וויל זיין רויק אַ מאָל,
אויך איך דאַרף, ווי איר, וויל נאָר האָבן מיין טאָל
און קומען אַ פויגל אַ פרייער און מיר
זאָל זינגען פון מנוחה און שלווה אַ שיר! — — —

2

...אויף די שליאַכן פון דער גרויסער וועלט
שטיי איך שוין מער ניט און שעלט,
איך ווייז שוין ניט מער און ניט פרעג
יעדן שטיין, יעדעס שטויבל און שטעג.
פון געוויין —
בין איך אַליין
געוואָרן אַ פעלז און אַ שטיין.
פאַרטריקנט ז׳געוואָרן מיין טרערנדיקער קוואַל,
אָדער כ׳בין אַ גולם געוואָרן,
אַ גולם פון גרויסן מה״רל...
ווייל שטומקייט דערפילט האָט אויך ליידנשאַפטס־פיין —
אַ שטימע צו זיין!
און לייד —
וויל מער ניט זיין באַנטשע שוויג! — — —
ש־ש־שאַ!
איך — דער גולם, דער באַנטשע צי שטויב
פיל, אַז איך לעב...
לעב... לעב... לעב...
און שטיי אויף וועלטס שליאַכן און דונערדיק שריי:
— חי!
חי־וקים! חי! — — —

שטילקייט

אַ מאָל קלאַפּט די שטילקייט אָן אין פענסטער פון מיין באַראַקל
און פרעגט מיך צי איך זיץ נאָך אַלץ אַליין, —
רעד איך ניט מיט איר, בלויז ענטפער אַ פּאָר ווערטער בסך־הכל
און בעט זי גלייך פון פענסטער מיינעם גיין — — —

שטראָמט זי צו דער טיר, פּרוּווט אויפרייסן דעם שטומען ריגל,
פּרוּווט אויפרייסן דעם ריגל, ווייל דאָך אַריין צו מיר, —
צעלאָז איך זיך אין זמר און רינגל זיך אַרום מיט צויבער־ניגון,
טרייב דורך אַזוי די שטילקייט פון מיין טיר — — —

נאָר זי שטורמט לאַנג די טיר און פענסטער מיינע העפטיק,
ווי פון דער קינדער־מעשה יענער גרויער בער...
אָבער כ׳בין אַרומגעשלאָסן פעסט און פיל זיך פעלזן־קרעפטיק, —
קוקט שטילקייט דורכן שליסל־לאָך מיט טריבער טרער.

ערב פרילינג

עס בליִען דאָ ניט קיין קאַרשן, ניטאָ דאָ קיין סעדער,
און דראָטן — זיי ווילן ניט בליִען!
עס חלמט בלויז שטומקייט אין פרעמד־בלויען עטער
די פויגלען — פאַרגעסן דאָ פליִען.

עס בלאָזט ניט קיין ווינטל מיט גלעט אין די אויגן,
די זון — אויך זי שיינט מיט רחמנות...
די ערד — דאָ אַ זונה, אין דרעמל צעצויגן,
שליסט אָפּ זיך אין ברוגזע זאַנעס.

אַ בוים בלויז, ווי איך, אַ די־פּי׳ניק אויף שטעגן,
שטייט איינזאַם צעקודרעט די צווייגן
און רעדט צו באַראַקלעך פון על פּרשת׳דיקע וועגן,
וואָס ליגן פאַרסודעט אין שווייגן.

דער הימל — אַ צייטווייליקע סטאַנציע אויבן,
ווו ס׳צעגייען זיך וואָלקנס, ווי באַנען —
טראָגט מיך אויף שטראַלענע רעלסן מיט גלויבן
ווייט, ווייט איבער ימען פון דאַנען.

פרײדעניו

ביי דער טיר פון מיין באַראַק שטייט פריידעניו פאַרשטעלט
און האָט מורא דאָרטן שוועל אַריבערשפּאַנען;
די אויגן סטאַרטשענדיקע, ס׳פּנים בלאַס, פאַרגעלט —
זאָג זשע, פריידעניו, פונוואַנען?

ענטפערט זי שעמעוודיק: איך קום פון גאָרער וועלט,
נאָר כ׳האָב קיין פרייד ביי איר דאָרט ניט געפינען;
מען האַנדלט מיט מיר יאַרידיש, בלויז פאַר נאקעט געלט, —
בין איך אַהער דאָ צו דיין שוועל אַנטרינען.

צעעפן איך ברייט די לאָדן, טיר און ווינקל־שפּאַר
פּוץ אויס זיך אין די שענסטע פּיאָלעטן,
און קניענדיק, ווי ס׳קניט אַ שולדיקער קנעכט פאַר האַר,
טו זי מיטן גאַנצן האַרץ צו זיך פאַרבעטן:

— קום, פריידעניו, פאַרשעם מיך ניט, אין באַראַק צו מיר אַריין,
קום טרעט מיין קוואָרן שוועל אַריבער.
זויג אויס פון האַרץ מיינעם דאָס אָנגעזאַמלטע פּיין,
זעץ דיך ביי מיין אָרעם טיש אַנידער.

קרעכצט זי: אוי, ווי זאָל איך זעצן זיך ביי דיין היילן טיש
און דיין צעבראָכן שוועל אַריבערשפּאַנען, —
ס׳איז שבת היינט — ווו איז דיין וויין, אַ גראַם כאָטש פעפערדיקע פיש,
און צי ז׳ביי דיר אַ זיך־שטול כאָטש פאַראַנען? — — —

האַלדז איך פיינלעך אום זי: יאָ, פריידעניו, ס׳איז וואָר, ס׳איז וואָר,
מיין האַרץ איז פול און ברענט מיט זשעדנע פלאַמען, —
קאָן איך די בעסטע סעודה מאַכן דיר איצט נאָר, אוי, נאָר
פון מיינע וויינ׳יקע לידער און פעפערדיקסטע גראַמען — — —

זעסט אָט די באַראַקעלעך, — די נעבעכדיקע קברים דאָ?
זעסט די גרויע הימלען, שטעכלדיקע צאַמען? —
טו אַ פעסטן שפּיי, ווי איך, און אין גורלדיקער שעה
קום אַריין — מיר זינגען אונדזער ליד צוזאַמען.

שלאָפלאָזיקייט

אוי, עפּעס עס שלאָפט זיך ניט, עס קאָן זיך מיר ניט שלאָפן, —
ליג איך מיט אויגן אָפענע, ליג איך בייז און טראַכט:
אָ, ווען כ׳וואָלט געקאָנט אַזוי — איך וואָלט פון זיך אַנטלאָפן,
איינגעהילט אין צודעק מיין — אין אונרו פון דער נאַכט.

ערגעץ ווייט פון דאַנען־דאָ, פאַר ווייטע איבער־ימען,
הער איך דורך דער נאַכטיקייט עס רייסט זיך אַ געבעט:
— קום, וואָס ליגסטו דאָרט, — עס שטייט די וואַנט אין פלאַמען,
ס׳איז ניט קיין צייט צו ליגן איצט, צו רוען אין אַ בעט — — —

דערלאַנג זיך מיט אַן אָדלער־פּלי דורך שטורמדיקן ברומען,
קום אַוועק פון פּרעמדקייט דאָרט, פון איינגעקוואָרטער בעט;
געדענק זשע, אז מיר וואַרטן אָפּ ביים ברעג־ים דיין באַלד־קומען,
זע זשע איַיל זיך צו געשווינד, אַז ס׳זאָל ניט ווערן שפּעט! ———

און ס׳דוכט מיר: פון די ווענט אַראָפּ און פון דער סטעליע קוקן
אויגן חושכ׳דיקע, נאַכטיק־אויסגעוועפּט...
און סילועטן לעב׳דיקע פון אָפּער מיין בעט זיך רוקן,
גלייך זיי אויף אַן אמת דאָ פון לאַנג וואָלטן געלעבט.

זיי רירן אָן מיין בעטל שטום מיט יידיש־ווייכע בליקן,
און יעדעס בליק איז מאָדנע אַזוי — אַ רחמימ׳דיק געבעט...
און איך — איך באַלד דערשפּירן טו: טויטע אויגן קוקן
און טענה׳ן שטיל, שטום־לשונדיק: „ווי וואַגסטו איצט אין בעט?״

און נאָך איידער איך באַמערקן טו — ווער און כ׳קוק אויף וועמען,
טאַטע־מאַמע מיינע דערקען איך צווישן זיי;
די פּנימער בלייכע, אַשיקע, אַנגעברוגזטע ברעמען
און פון די ליפּן בלויע זיי — רייסט זיך אַ געשריי...

אַ געשריי וואָס טענה׳ט לאַנג און וויל ניט ווערן פאַרשוווּנדן. —
טרייב איך דורך דאָס פּיין פון אויג און גלייך זיך אויס דעם גוף,
קלייד אָן אין העלע קליידער זיך — אין טאַטע־מאַמעס ווונדן
און לאָז זיך אין דער שטומקייט־נאַכט לויפן אויפן רוף.

טרומפּלדאַר און די טרומפּייט

(באַלאַדע)

י״א טאָג אין אָדר,
ווען ס׳ליגט די נאַכט צעפּראַלט, —
פון אַלטן בית־הקברות
שטייט אויף דאָן אַ געשטאַלט.

אַ געשטאַלט אַ בלאַסע,
מיט אויגן, ווי ברילייאַנט;
מיט אַ ביקס אויף אַקסל
און אַ טרומפּייט אין האַנט.

און נעמט שפּרייזן צווישן
די קברים שטילערהייט,
נאָכער צעטרומייטערט
זיך אויף דער טרומפּייט:

— טרו־טרו־טרו, טרו־רו!
טרו־רו־רו, רו!
שטייט אויף אַלע מתים
פון אייער קברים־רו!

נאָר ס'טוט זיך קיינער רירן
פון קברימדיקן שלאָף, —
ס'דרעמלען שטיל מצבות
אין דרעמלדיקן אָן־סוף.

ווערט ס'געשטאַלט פאַרדאַגה'ט,
נעמט טרומפייט אין מויל
און צעשאַלט זיך טרוי'ריק,
מיט ניגונדיקן גרויל:

— טרום־טרום־טרום! טרום!
טרום־טרום־טרום! טרום! —
ווי לאַנג וועט איר נאָך ליגן
אין די קברים שטום?

נאָר עס שטומען קברים
אין טריבקייט פון דער נאַכט
און ווייטע, גרויע הימלען
קוקן אַראָפּ פאַרטראַכט.

טוט ווידער זיך דערהערן
דאָס שאַלן פון טרומפייט
און וועקט און רופט די מתים,
וועקט זיי שטילערהייט:

— טרומפּ־פּ־פּ! טרומפּ!
טרומפּ־פּ־פּ! טרומפּ —
ווי לאַנג וועט איר נאָך זומפּן
אין זומפּעדיקן זומפּ?

נאָר שאַ... אַלץ זינקט אין דרעמל
און שוויגט מיט טויט אַרום;
הויכע סאָסנעס שטייען
און הערן צו זיך שטום.

ווערט ס׳געשטאַלט צעבייזערט
און ווי לבנה — בלאַס;
נעמט נאָך שטאַרקער שאַלן,
טרומפּייטערן מיט כעס:

— טרומפּל־טרומפּל־טרומפּל,
טרומפּל, טרומפּל־פּייט...
אויפשטיין תחית־המתים
איז דאָך לאַנג שוין צייט!!!

נעמען זיך גייסטער וועקן
פון קברים טויט־פאַרקלערט:
— ווער האָט עס די רו אונדז
אין מיטן נאַכט געשטערט?

נאָר דערזען דעם טרומפּייטער,
צעזינגען זיך אין כאָר:
— טרומפּל־טרומפּל־טרומפּל,
טרומפּל טרומפּל־דאָר! — — —

— — — — — — — — — — — — — —

מידקייט

צי בין איך פאַרמאַטערט און קאָן ווייטער ניט גיין? —
דוכט זיך די אייגענע פיס זיינען פרעמד!
וואוהין פירן שליאכן? — אומעטום כ׳בין אַליין,
אומעטום כ׳בין באַעוולה׳ט, פאַרשעמט.

צי בין איך פאַרמאַטערט? — יאָ, שווער איז דער וועג!
און ס׳יאָגט מיך דער שוידער, ווי בלעטל דער ווינט;
אַך, ווי מיר נמאס שוין זיינען די פעק!
אַך, ווי ס׳וואָלט גוט געווען רוען אַצינד!

רוען אין די אָרעמס פון אַ וואַרעמער בעט,
איין רגע כאָטש פילן די פרייד פון אַ היים...
די פרייד פון דער היימישער נאַכט־שעה־געבעט,
ווען שאָטנס פאַרשפּרייטן די גאַס אין געהיים — — —

צי בין איך פאַרמאַטערט? — נישקשה, כ׳וועל גיין!
איין רגע כ׳וועל רוען אין שאָטן פון בוים;
כ׳וועל כאַפּן אַ דרעמל — צוקאָפּנס אַ שטיין —
און כ׳וועל מיך פאַמעלעך דערשלעפּן אַהיים — — —

כ׳האב פארברענט

כ׳האָב פאַרברענט הינטער זיך אַלע בריקן,
כ׳האָב פאַרווישט יעדע שפור פון מיין נויט;
געענוג כ׳האָב דעם גלות מיט „גליקן"
און כ׳וויל ניט קיין ביליקן טויט! ———

ס׳ליגט לאַנג שוין מיין דלות באַגראָבן,
פאַרוואָקסן מיט ווילד־גראָז און בוים. —
טאָ וואָס קאָן איך מער נאָך דאָ האָבן
אויף שוועלן פון מערדערשער היים? ———

אונטער פרעמדע בערגלעך, צווישן גראָזן,
ליגט מיין משפחה געטויט. —
טאָ ווער קאָן מיר ענטפערן פאַר די שאָסן,
פאַר שאַנד פאַרן גרויסן און נויט? ———

טאָ וואָס האָב איך נאָך אָנצווווירן,
צי ווידער כ׳זאָל בעטלען מיין גליק? —
אַלץ וואָס טייער געווען דאָ ז׳פאַרלוירן,
איצט זע איך קיין וועג מער צוריק!

און דעריבער צעגייט יעדע גרענעץ
פאַר אימפעט פאַר מיינעם און כעס. —
געענוג לוקסוס!... ס׳איז גוט ברויט אַ פענעץ,
געוויליקט אָן טובות, אָן האַס!

אַדיע גלות! — איר גרויע מקומות! —
און חושך פון יידישער גאַס!
צוויי טויזנט יאָר פיין, צער און חלומות
איז מער ווי אַ בלוטיקער שפּאַס!

זאָגט! ווער קאָן בינדן מיין הייסן גלויבן!?
ווער קאָן צוימען מיין שווערן וועג!? —
יאָ! כ׳וועל פליען, ווי פייל פון אַ בויגן,
ביז כ׳וועל ניט דערזען ליבן ברעג!

ביז כ׳וועל יענעם ברעג ניט דערגרייכן,
ווו ס׳בלויען זיך הימלען אָן פיין...
ווו יעדעס ווינקל איז ליב און גיט צייכן
כ׳זאָל גיכער, כ׳זאָל שנעלער אַריין ———

— — — — — — — — — — — — — —

כ׳האָב פאַרברענט הינטער זיך אַלע בריקן,
כ׳האָב פאַרווישט יעדע שפּור פון מיין נויט;
געענוג כ׳האָב דעם גלות מיט „גליקן״
און כ׳וויל ניט קיין ביליקן טויט! — — —

ס׳ליגן דורות געבונדן

ס׳ליגן דורות געבונדן, ווי שעפסן געקויל׳טע
און וועלטן צעקאַליעטשעטע זינקען אין נאַכט;
בלויז איין דור האָט צעריסן די קייטן צעגרוילטע,
אַ דור האָט פון טרוימען אין בענקשאַפט דערוואַכט.

אַ דור — פול מיט שטאָלצקייט, וואָס טראָגט די ישועה
אויף שולטערס געשטאָלטע דורך פּיין און דורך נויט;
אַ דור — וואָס גייט מוטיק, מיט ליד צו דער תליה,
אַ דור — וואָס טוט שמייכלען אין פּנים דעם טויט.

אַ דור — וואָס האַלט אויס פון תּלינישע יסורים,
אָן טרער, „שמע־ישראל״, אָן קרעכץ אין זיין שטים;
אַ דור — וואָס מער וואַרט ניט אויף נסים פון פורים,
אַ דור — וואָס כ׳געפין ניט קיין ווערטער פאַר אים! — — —

טאָ ווער קאָן פאַרצוימען זיין ווילן דעם פרייען
פון שמידן דעם מאָרגן פאַר פאָלק און פאַר לאַנד?! —
העי, תּלין, שטעל אָפּ!... העי, צעיושעטע חיה!
לאָז אָפּ דיין פאַרבלוטיקטע, הענקערשע האַנט! — — —

ניט העלפן וועט תליה און רוצחישע שחיטה, —
אין אָנבליק פון לעבן איז שפּאָטיש דיין שווערד!
זיי וויסן: עס לויפט שוין צו ענדע דיין שמיטה,
בעל־כרחה וועסט מוזן פאַרלאָזן די ערד! — — —

בעל־כרחה היינט לעבסטו, בעל־כרחה וועסט שטאַרבן,
מיט בלוט־רויטע ליפּן זינג אויס שוואַנען־ליד!
דער שאָטן פון תליה דיך זעלבסט וועט פאַרדאַרבן
אין אָנבליק פון גרויען, פון אייביקן ייד! — — —

הערסט תּלין אַ שטים פון נקמה טוט שרייען?
צי זעסטו דאָס פאָלק, וואָס דערוואַכט אין געדראַנג? —
עס וועט אָט דאָס פאָלק נאָך באַגלייטן דיין לוויה
מיט שפּאָטישן ביטול און נצחון־געזאַנג! — — —

— — — — — — — — — — — — — —

ס׳ליגן דורות געבונדן, ווי שעפסן געקויל׳טע
און וועלטן צעקאַליעטשעטע זינקען אין נאַכט;
בלויז איין דור האָט צעריסן די קייטן צעגרוילטע,
אַ דור האָט פון טרוימען אין בענקשאַפט דערוואַכט.

צדקה תציל ממות

(לאַגער־מאָטיוו)

1

באַראַקלעך, ווי ספּרימלעך,
פאַרסודעט, ווי קברימלעך,
פאַרטיפטע אין ווייטע מחשבות;
דער ווינט פייפט אַ לידעלע
און קלאָגט, ווי אַ יידעלע:
— צדקה תציל ממות! — — —

2

אַרום שטייען בוימעלעך,
געצוימטע מיט צוימעלעך
און בודקעס, ווי אויגן פון סאָוועס...
ס׳דערמאָנען זיך צייטעלעך
דייטשן מיט בייטשעלעך —
— צדקה תציל ממות! — — —

3

ס׳ציען זיך חדשימלעך,
נודנע, ווי רמשימלעך
שוין גאָר ניט דאָ אויף קיין קאַטאָוועס;
אך, יאָרעלעך טייערע,
כ׳גיי לוויה נאָך אייערע —
— צדקה תציל ממות! — — —

4

איך קוק אויף דער וועלטעלע
דורך מיין לאַגערדיק שפּעלטעלע,
ווי זי דרייט זיך נאָך אַלץ אין הקפות
און ראַצט מיין נשמה׳לע
מיט טרייסט און נחמה׳לע —
— צדקה תציל ממות! — — —

5
אין אַמעריקע פריינטעלעך,
אָנקלס מיט טאַנטעלעך
קלויבן נאָך אַלץ די נדבות;
— גיט זשע גיט יידעלעך
פאַר די אָרעמע ברידערלעך —
— צדקה תציל ממוות! ———

6
עס וויטיקט מיין הערצעלע, —
שלאָף זשע אַיין, שמערצעלע,
שמערצל פון אייביקע אָבות!
קלאַפּט יידן אין פּישקעלעך,
קלויבט פאַר מיר קרישקעלעך —
— צדקה תציל ממוות! ———

— — — — — — — — — — — — — —

גרענעץ

שוין נאָנט... שוין נאָנט... שוין נאָנט...
וואַרט, לאָמיר גיין זאַלבענאַנד!...
וואַרט, זאָל נאָר קומען דער אָוונט,
און דערלאַנגען זיין וואַרעמע האַנט! ———

וואַרט, זאָל נאָר קומען דער אָוונט,
און צופאַלן זאָל טויבע נאַכט...
עס וועט זיך פאַרשלאָפן דער יוון...—
דו ווייסט דאָך, מיין פריינט, וואָס איך טראַכט! ———

עס וועט זיך פאַרשלאָפן דער יוון...
נאָר זעסט, ס'שטייט דער באַרג, ווי אַ וואַנט! —
ניט וויכטיק!...נישקשה... שוין נאָנט...
איין רגע בלויז!...גיב נאָר די האַנט!...

ניט וויכטיק... נישקשה... שוין נאָנט...
ניט טרויער, ניט זאָרג, ליבער פריינט! —
וואַרט, זאָל נאָר קומען דער אָוונט,
און דערלאַנגען זיין וואַרעמע האַנט! ———

— — — — — — — — — — — — — —

קינדערלעך גרויסינקע *

(שארית־הפליטה־ליד)

— יידישע קינדערלעך, קינדערלעך גרויסינקע,
ווו זענט איר געכאָוועט, אין בונקער צי אין וואַלד ? —
דעם אַלף־בית לאַנג דאָך שוין איבערגעוואָקסן,
זאָגט זשע מיר טייערע, וויפל יאָר זענט איר אַלט ?

— אַלט ווי מיר זענען ? — ווער ווייס זיך אויף יאָרן ! —
דרייצן צי פערצן, צי פופצן, וואָס ז'שייך ...
מיר קאָנען ניט ציילן, בלויז חשבון געלערנט
לויט שאָסן פון ביקסן און סאָסנעס־פאַרגלייך ...

— איך אין אייערע יאָרן האָב שוין חומש געלערנט
און אויסווייניק אַ בלעטל גמרא געקענט ;
צי ווילט איר ניט לערנען, צי קאָנט איר ניט טאַקע ? —
פאַרלאָזענע זענט איר, כ'האָב גלייך דאָס דערקענט ...

— ניט בייזער זיך רבי, זאָג, וואָס איז דאָס חומש ?
און וואָס איז גמרא ? — שאַ, שריי ניט אַזוי !
מיר זיינען דאָך טאַקע געכאָוועט אין בונקערס,
אין וואַלד, זאַווערוכעס, אויף רעגנס און שניי.

— וואָס האָבן געטון דען די עלטערן אייערע, —
ניט געקאָנט אייך דערציען ? ווו זיינען זיי, ווו ? —
פאַרשאָלטן זאָל ווערן אַ־דער וואָס איז שולדיק
אין אייער ניט־קאָנען און געבראַכט אייך דערצו !

— אין אַקציע זיינען געטויט אונדזערע עלטערן,
דיין קללה זאָל טרעפן דעם בלוטיקן פיינט !
דער בונקער און סטעפ האָט קיין תורה געלערנט,
קינדערלעך גרויסינקע זיינען מיר דאָך היינט ! — — —

צו א מנחם־מענדל־ייד

האַנדל ברודער, וואַנדל ברודער, סט'זיך אַזוי פאַר'לחמאַ־עניא'ט,
אַז דו האָסט זיך אין פאַרגעסונג אויסגעניכטערט שוין פון בראָך ;
ס'האַנדל האָט אַ פאַלק פאַרשאַכערט און צום טיוול אים פאַר'קניה'ט,
האַנדל ברודער, וואַנדל ברודער !האַנדל, וואַנדל, — האַנדלסט נאָך ? ...

* געזונגען געוואָרן אין די ש.ה.־לאַגערן א. נ. „עמך־קינדערלעך"

מיט פּאַפּירלעך זיך פֿאַרזיכערט און מיט רענדלעך זיך פֿאַרשיכּורט,
צוגעקלאַפּט זיך אַ מזוזה אויף אַ טיר פֿון פֿרעמדער שטוב;
מיט הנאה פֿון אַ רגע זיך דאָס לעבן איינגעצוקערט
און פֿאַרגעסן, אַז דער אומגליק ליגט פֿאַראומגליקט אויך אין גרוב.

האַנדל ברודער, וואַנדל ברודער... דורות טאַטעס, דורות זיידעס
האָבן אין דעם האַנדל־וואַנדל זיך אַן אויסוועג אויך געזען;
היינט די קבֿרים פֿון אייראָפּע זיינען יאָמערדיקע עדות,
צייגן וואָס פֿון דעם ז'געוואָרן און מיט טאַטעס איז געשען.

ניט געהאָלפֿן האָבן רענדלעך און דאָס לויפֿן, הייען, שמייען,
האָט פֿאַרהייעט און פֿאַרשמייעט סאַמע בעסטע פֿון דער צייט;
ס'האָט דער גורל זיי פֿאַרליוועט, די געשיכטע פֿאַרנעכייעט,
פֿוילן גאָלד־גמרא־בלעטער, וואָרנט צוקונפֿט, מאָנט און שרייט.

האַנדל ברודער, וואַנדל ברודער, מיט געפֿילדער און גערודער...
אונטערן פּלייצע לאַכט דער טייוול, שטעקט אַ שפּאָטיש צונג דיר אויס;
פּרווו נאָר מערער זיך פֿאַרשמייען און פֿאַרהוליען איצט, מיין ברודער,
וועסטו שוין פֿון זיינע נעגל קיינמאָל מערער ניט אַרויס.

וועסטו אין אַ שיין פּרימאָרגן מיט דיין תאווה זיך דערוואָרגן;
און פֿון האַנדלען — זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַן אַלטן שלעפּער שנעל;
אין אביונות און בזיונות פֿון אַ גוססדיקן קאָרגן
וועט אויף שוועלן פֿונעם חוזק וואַלגערן זיך דיין געזעל.

ס'האָט דער אַשמדאי דיך פֿאַרוואָרפֿן, ווי זשע שטעלסט זיך
אים אַנטקעגן?
ווי זשע היטסטו פֿון מכשפֿות אָפּ דיין אָרעמן געביין? —
ס'פֿירן שטעגן צווישן וועגן, זיי זיינען ניט פֿאַר דיינעטוועגן,
ס'איז דיין וועג, דער וועג נאָר איינער, ווו דאַרפֿסט גיין מיט
זיך אַליין.

אויסגעהאַנדלט, אויסגעוואַנדלט, אויסגעוואַלגערט זיך אַ תּקופֿה,
אויסגעטשוכעט זיך פֿון גיהנום, אויסגעגיהנומט זיך גענוג!
קום זשע ברודער, לאָז אַלץ איבער, כ'האָב פֿאַר דיר אַ גוטע תּרופֿה:
לאָזן זיך אין וועג פֿאַרעקשנט אינעם לעצטן וואַנדער־צוג — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

האַנדל ברודער, וואַנדל ברודער, סט'זיך אַזוי פֿאַר'לחמאַ־עניאַ'ט,
אַז דו האָסט זיך אין פֿאַרגעסונג אויסגעעניכטערט שוין פֿון בראָך;
ס'האַנדל האָט אַ פֿאָלק פֿאַרשאַכערט און צום טייוול אים פֿאַרקניה'ט,
האַנדל ברודער, וואַנדל ברודער! האַנדל, וואַנדל, — האַנדלסט נאָך?...

ווינטער אין לאַגער

אין ווינטער ליגט לאַגער מיט שניי פאַר'תכריכים'ט,
ווי איינזאַמער גליטשער אין אייזיקן ים, —
און דרעמלט אויף פריריקע אָרעמס אונזיכער,
און דרעמלט אַזוי זיך אַ שלאָפיקן סתם.

באַראַקלעך פאַרגליווערט — ווי פאַרבן אויף בילדער,
געמאָלן מיט גרויליקן פּענדזל אויף שנעל;
און סטאַרטשענדע קוימענדלעך רויכיק, אין פלינדער,
לאָזן מיט פאַרע אַרויס זייער זעל.

דער פראָסט ליגט פאַרהאָנגען אויף ווייסקייט פון שנייען,
ביים טויער דער וויכער יאָגט אום מיט פאַרדראָס
און וויעט ווי אַ הונט מיט אַ יאָמערדיק ווייען,
ווען ער האָט פאַרלוירן דעם סליאַד פון זיין באָס.

רגעווייז ברומט ער בראָדיאַגיש אַ ניגון,
צעהוליעט פון זאַרגלאַז־ציגיינערשע טעג,
גלייך ר'וואָלט געוואָלט מיך אויף לאַנג דאָ פאַרוויגן
ווי יענעם שליח אין מיטן זיין וועג ———

זכרונות

וואָס זיינען זכרונות — אויב ניט אויסגעאַשטער סליאַד פונעם שטורמישן עבר,
אויב ניט שפּליטערלעך שטויב אין אויפברויז פון צייט;
וואָס זיינען זכרונות — אויב ניט שטיקער האַרץ אונטער באַנגיקן קבר
געשליידערט דורך הפקר פון כוואַליעס ווייט־ווייט.

וואָס זיינען זכרונות — אויב ניט פינטלען אויף גרויע האָריזאָנטן,
ברעקלעך פון צעבראָכענער שיף אין מיטן ים;
וואָס זיינען זכרונות — אויב ניט מאָניקע פינקען פון טויכיקע צונטרן,
זשאַריעטער אויסלעש פון לעצטן אָט־סתם.

העפּלה

כ'בין ניט סתם קיין וואָגלער פון שליאַכן און וועגן,
וואָס ווייס ניט ביי וועמען צו מאָנען און פרעגן
די ווייטקייט פון מיילן;

איך קאָן די געהיימסטע, געפערלעכסטע וועגן,
איך דאַרף ניט און וויל ניט און וועל קיינעם פרעגן —
איך ווייס ווו כ׳טו איילן! — — —

איך קאָן איבערשרייטן אַ שאַרף פון אַ מעסער
און אויפשליסן קונצעדיק טויזנטער שלעסער
פון גרענעצן־סטרעפן;
גענוג פאַר מיר סטעזשקעלעך שמאָלע, ווי זוימען,
גענוג פאַר מיר אַ פענסטערל ענג, ווי אַ קוימען,
נישקשה, כ׳וועל טרעפן! — — —

די בויט ז׳מיין באַקאַנטע פון טויזנטער יאָרן,
זי וועט ניט פאַראַטן אין הייליקן צאָרן
און שטורמישן וואָגל;
געוויטערס — זיי האָבן מיין חשק געבוירן,
אין זייער ים האָב איך מיין פחד פאַרלוירן,
אויף זיי כ׳טו זיך טראָגן! — — —

אויף זיי כ׳טו זיך טראָגן דורך טויט־הוראַגאַנען,
געלאָדן מיט דויער, ווי נאַכט־קאַראַוואַנען
אין מדבר אין וויטן;
מיין אָטעם און מוט פאַרמאָגט גלי פון חמסינען,
די נאַכט־פראָוואָדיר פירט מיך גלייך צום באַגינען
דורך שטורמישע צייטן — — —

— — — — — — — — — — — — — —

כ׳בין ניט סתם קיין וואָגלער פון שליאַכן און וועגן,
וואָס ווייס ניט ביי וועמען צו מאָנען און פרעגן
די וויטקייט פון מיילן;
איך קען די געהיימסטע, געפערלעכסטע וועגן,
איך דאַרף ניט און וויל ניט און וועל קיינעם פרעגן —
איך ווייס ווו כ׳טו איילן! — — —

ווו געטאָגט — ניט גענעכטיקט

אויף די אַקסל פונעם נעכטן, אויפן היינט פון ווו־פונוואַנען —
לען איך אָן מיין מידקייט און רו בלויז אָפּ אַ וויילע;
אונטער די זייטן שטיקער וועג — אַ פליושענע אָטאָמאַנע,
צוקאָפּנס אַ קליין קישל — צעשפרייטע טויזנט מייל.

איז האַרט ניט־האַרט — איך טו דרעמען פונקט ווי חוני־המעגל
און ס׳לויפט מיר דורך ווי אין חלום די נערוועזע צייט;
מיט חצות דערפיל איך ס׳דריקט מיך די טאָרבע און מיין „מקל״ —
דריי איך זיך ערגעץ איבער אויף דער צווייטער זייט — — —

וועקן מיך שטיל פון אַלב־דרעמל צעשויבערטע פאַרטאָגן,
פאַרוואַרף איך אויף מיינע אַקסל אַ גרויסן גולם־באַרג,
און טו מיט אים, ווי אַ וויכער, זיך איבער ווייטקייטן טראָגן,
רו זיך אָפּ אויפן „מקל״ — אַ טרעגער אין מיטן מאַרק.

כ׳באַצווינג די זון, ווי יהושע, פון איר שיין זיך ניט רירן
און ווי אין יציאַת־מצרים — שטעלט ים זיך מיר אין וואַנט;
איך רייב זיך אויס די אויגן און טו מיין חלום אַריבערפירן
פון פאַרשטויבטן ווינקל צו זיך אין טרוימען־לאַנד.

אומיסנע טו איך אויף וועגן מיין נאַכטיקייט פאַרגעסן
און גנבע נאָך מיט התפעלותביים טאָג אַ שטיקל טאָג;
כ׳טרינק אָן מיט טיי פון טוי זיך און ווי אַ שרף עסן,
אויך תפילת־הדרך־שמירה פון לילית־לצים כ׳זאָג.

מיט פיבער דערמעסט איך קונציק אַלע שמאָלקייטן פון וועגן,
און כ׳בין דאָ מער ווי זיכער: די שעה פון שחרית שלאָגט! —
כאַפּ איך זיך אויף אַ צעגליקטער אויף היימיש־טרייע וועגן,
כאַטש ווו געטאָגט — ניט גענעכטיקט, ווו גענעכטיקט ניט געטאָגט.

א יעסיען־נאכט אין לאגער

טריף־טריף און טריפּ־טראָפּ — האָט דער הימל געקלאָגט,
מיט נאַכטיקע טרערן באַראַקלעך באַוויינט;
דער ווינט האָט שטיל תפילת־הדרך געזאָגט
און ערגעץ אַ קינד האָט פאַרביטערט געוויינט.

מיט שרעק האָט זיך אומהיים געטוליעט צו ווענט,
ווי ס׳טוליעט אין גסיסה פאַרוווּנדיקט אַ טויב;
אַ בעלמיש געלעמפּל ט׳מיט בושה געבלענדט
און נאַכט ניט דערלאָזן צו קריכן אין שויב.

האָט הימל געוויינט דורך סופיט און דורך ראַנד,
אין אומרו דעם שלאָף האָט פאַרטריבן דער ווינט;
אַ טריף האָט געטראָפן אויפן בעטל ביים וואַנט
און שטום אויפגעמישט זיך מיט וויינען פון קינד.

האָט מער זיך צעווײנט נאָך, צעיאָכמערט דאָס קינד
און מער זיך אין שטויביקן צודעק פאַרשטעקט;
נאָר ס'האָט — קיין קאַטאָוועס — צעווײנט זיך דער ווינט,
אין טרויער אַלץ אַלץ אין באַראַקל צעוועקט.

מיט זיפץ איז אַ מאַמע, — וואָס שלאָפט, ניט איין נאַכט,
אין אָרמען קלייד, וואָס איר דינט אויך אַלס דעק, —
אַראָפּ פון איר סטוילע, דעם רימל באַטראַכט,
געטוליעט דאָס קינד און באַווײנט אירע פּעק...

זי גערן איצט פייער אין הריבקע וואָלט געמאַכט —
פאַרטרייבן די אומהיים פון האַרבסטיקן קלאָג,
נאָר ווו נעמט מען האָלץ אין אַ לאַגערדיקער נאַכט,
אַז האָלץ ז'ניט בנמצא ביים שיין פונעם טאָג! — — —

האָבן לאַנג נאָך געווײנט און געכליאָפּעט, געשמאַכט
די ווענט און סופיט — אויסגעטריבטע אין צוואָג;
דאָס קינד און די מאַמע און די האַרבסטיקע נאַכט —
איז לאַגער, ווי אַ דערטרונקענער, געוועזן אין פאַרטאָג.

פרימארגן אין לאגער

דער פרימאָרגן ז'אויפגעשטאַנען הײנט ברוגז ווי כסדר
מיט ברעמען אָנגעכמורעטע, אין שלאָפראָק־נאַכט;
ווי אַ קינד וואָס האָט פאַרשפּעטיקט גיין אין חדר,
ווייל ר'האָט געשלאָפן נעבעך שלעכט און האַרט.

די באַראַקלעך — אויפגענורעטע קלײנע הינטלעך שלאָפן
און ווי זייערע אויגלעך — פענסטערלעך נאָך בלינד;
נאָר זאָרגלאָז, מיט ציגײנער־טאַנץ, פּויקט אָן דער טאָג מיט האָפן,
און ווי גראָז־ריחות — ברענגט בשורות גאולה־ווינט.

ס'כוואַליעט שטראַליקייט אַרויס פון הימלדיקן תכלת
אויגלט די זון אויך לאַקעריש מיט גריס;
און כאַטש אַלץ ז'אײַנגעהילט אין שטאַכל און אַבלות
ווייסט דער לאַגער אַז פרימאָרגן ס'איז — — —

איך ליב דיך

איך ליב דיך מיט דיינע חסרונות און גרויסע מעלות,
מיט דיין שנאה אומזיסט־אומזיסטיקער און יעלות.
מיט דיינע קליינלעכקייטן נאַרישע און קליינע,
מיט דיין שטענדיק זוכן אויסוועגן און וועגן שיינע.
מיט דיין בויען און דאָס אויפגעבויטע אָפט צעשטערן,
מיט דיין לוסטיק זינגען און מרה־שחורה׳דיקע טרערן.
יאָ, כ׳ליב דיך מיט דיין זאָרגלאָזיקייט און אויך זאָרגן
מיט דיין פּילדער און טאַראַראַם צום מאָרגעדיקן מאָרגן.
מיט דיין אַרויסברענגען אויף זיך אַ גואל אָדער משחית,
מיט דיינע צופעליקייטן און אָנ׳תכלית׳דיקן תכלית.
איך ליב, איך ליב דערפאַר דיך וואָס דו נאָר ביסט אַזאַ
און אויך איך מיט מיין ליב און פיינט האָבן בין ניט מער ווי אַזאַ.

שלאָף־ליד

אַי־ליו־ליו — אַ זיסע לידל
וועל איך זינגען דיר, מיין קינד;
ס׳זיצט דיין מאַמע ביי דיין וויגל,
שלאָף, ניט שרעק זיך שוין אַצינד — — —

ס׳פּייפט ניט מער דער ווינט אין קוימען
און דער טאַטע ז׳ניט אין גאַס...
ס׳טוט דיין מאַמע מער ניט וויינען,
אַז דער הונגער טרייבט אַ שפּאַס...

ס׳לייגן זיך ניט מער קיין שאָטנס
אויסגעצויגן ביי דיין וויג;
ס׳שרעקן אויך ניט שטאַכל־דראָטן
און קיין מעשות פון אַ ציג...

וועסט, קינד, וואקסן ניט אין מורא,
שלאָף, אין „חדר״ וועסט ניט גיין...
וועסט זיך לעבן לויט דיין ברירה,
לויט דיין רצון, ווונטש־אַליין.

וועסט ניט זיין מער אַ פֿאַרשעמטער
און פון צרות שווארץ־און־בלאָס;
וועסט ניט וויינען אַלס אַ פרעמדער
אין דער גויאיש־שטילער גאַס...

— — — — — — — — — — — — — —

אַי־ליו־ליו — אַ זיסע לידל
וועל איך זינגען דיר, מיין קינד;
ס'זיצט דיין מאַמע ביי דיין וויגל,
שלאָף, ניט שרעק זיך שוין אַצינד.

כדאי

און ווען ערגער ס'זאָל זיין מיר נאָך טויזנטער מאָל
ווי עס איז —
איז כדאי.
און ווען דאַרפֿן איך זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין שטאָל
צי אין בליי —
איז כדאי — — —

און ווען הונגערן זאָל איך ווער ווייס ווי אַזוי,
אָן אַ סוף —
איז כדאי.
און שלאָפן פיל יאָר אויף אַ זעקל מיט שטרוי,
צי אָן שלאָף —
איז כדאי — — —

און ווען כ'זאָל ניט האָבן נאָך זיבן מאָל און מער
קיין מנוחה און רו —
איז כדאי.
און־פינף־און־צוואַנציק שעה אין מעת־לעת טון וואָס כ'טו —
איז ניט שווער —
איז כדאי — — —

און ווען ליידן כ'זאָל פיינלעך פון היץ און חמסין,
אָן אַן עק —
איז כדאי.
צי אפילו גאָר ווערן אַן איבערמענטשלעכער מין —
איז קיין שרעק —
איז כדאי — — —
איז כדאי!!!

אפשייד

אַדיע אַייך, איר גלות־געביינען,
אַדיע יעדער בלוטיקער שטיין!
אַדיע אַייך, איר טרויריקע פליינען,
באַטריפט מיט מיין ווײ־אויסגעוויין!

דורך יאָרן — דערטרונקען אין טרערן,
דורך חלום — באַזוימטן מיט שרעק,
אין אָפשייד און הייסטע באַגערן —
איך שייד זיך פון אַייך און — אַוועק!

מיט דראָסיקן האָס און פּאַראיבל, —
כאָטש וואָס ס'איז געווען איז שוין ווייט, —
איך לאָז דאָ דעם סליאַד פון מיין וויגל
און צייכן פון בלוטיקער צייט.

— — — — — — — — — — — — — — —

אַדיע אַייך, איר גלות־געביינען,
אַדיע יעדער בלוטיקער שטיין!
אַדיע אַייך, איר טרויריקע פליינען,
באַטריפט מיט מיין ווײ־אויסגעוויין.

ברעקל'עך

ברעקלעך

אין מיטן עסן — סאַמע מיטן לעבן —
האָט אַ ברעקל טרויער
געשטעלט זיך מיר אין האַלדז
און כ׳קאָן עס ניט אַראָפּשלינגען —
ווי אַ האַרטן ביין.
אַלע מיטלען אויספּרובירט שוין
און — עס העלפט ניט, ניין.
געפּרוווט אַ מאַמעס סגולה:
שקאָרקעס דאַרע ברויט צו קייען,
טרינקען, שלינגען און סתם שפּייען...
נאָר אַלץ אָן פּעולה!
געפּרוווט פון ווייַן אפילו
אַ שלוק טון אויך אַ טראָפּ,
נאָר ניין און ניין —
אין האַלדז
איז נאָך אַ קרישקעלע געבליבן אַלץ
און וויל בשום אופן ניט אַראָפּ.

פּרוּוו

אויב דו ווילסט ס׳לעבן פאַרשטיין
און לעבן נאָך וועלן —
גיי באָד זיך אויס אין געוויין,
ווער אַ שטיין,
וואַלגער זיך אויס אַלע שוועלן,
באַהעפט זיך מיט שוואַרצע נעכט,
מיטן ניט־היינט און ניט־מאָרגן,
שריי און ווער ניט דערהערט,
ווער מיט אייגענעם שרייען דערוואָרגן;
בלאָנדזשע איבער דאָרנדיקע וועגן,
ווער, ווי אַ שיף, געשליידערט אין צער
שווום אָן אַ ציל צו קיינעמס ברעגן
זיי אַ חכם און בלייב אַ נאַר —
דעמלט וועסטו ערשט אַליין
דאָס לעבן פאַרשטיין.

אומזיסטע ווייען

אַ קימפּעטאָרן ראַנגלט זיך אין געשרייען —
געבוירט זי אַ קינד,
וועט, הייסט עס, זיין מער מיט — אַ ייד;
איך — קורטשע זיך לאַנגע נעכט אין ווייען —
געבויר איך — אַ ליד,
איז וואָס, — וועט זיין נאָך אַ ליד! — — —

גראם

איך זוך אַ גראַם
צום גראַם
און — גראַמיר.
צו „גראַמיר"
גראַמירט זיך — „ווי ז'מיר".
צו „גראַם" —
גראַמירט זיך — „סתם",
צו „שטרעבן" —
„לעבן".
צו „פאַרוואָס" —
„פאַרדראָס".
צו „ברויט" —
„טויט".
צו „קונסט" —
קאָן זיך אויך גראַמירן — „קונץ"
נאָר... צי האָבן גראַמען בכלל וועלכן זינען, —
צו דעם — האָב איך נאָך קיין גראַם ניט געפינען — — —

פון צדק ביז שקר

דער צדק גייט אום אָפּן מיט אַ מעסער,
דער יושר — מיט אַ ביקס אין האַנט;
דער שקר מאַכט אַ שיינע פּאָזע בעסער,
שלייכט דורך וועגן אומבאַקאַנט.

דער צדק טוט עס בעל־כּרכה־ווילִיק,
וויל געזונט מאַכן די קראַנקע וועלט;
דער שקר מאַכט עס כּיטרעוואַטע, שטיליק
אין צדקה־הייליקייט פאַרשטעלט.

אקטואליען

זיי ניט קיין קאַנאַליע
און פאָדער ניט ביי מיר קיין אַקטואַליען
וואָס ווילסטו האָבן פון מיין זעל? —
כ׳וויל ניט זיין מער אַקטועל!
קאַנאַליע! —
כ׳שרייב קיין אַקטואַליען! — — —

געדאנקען

באפאלן אָפטמאָל אַט געדאַנקען אויף געדאַנקען,
ווי קינדער לאַגרן אַרום מיך —
און רוישן אין די אויערן מיט גלעקערדיקע קלאַנגען:
— טרייב אונדז ניט אַוועק פון זיך! — — —

טרייב איך ניט אַוועק זיי, ווייל איך קען ניט, —
כאָטש פאַרטרייבן וויל איך זיי אַליין;
נו, אויב קינדער זענען זיי, — כאָטש כ׳אַנערקען ניט —
בין איך דאָך ניט קיין טאַטע־אַכזר, ניין! — — —

שפּראַכיקייט

מיין וואָגל־לערער האָט געלערנט מיך פיל שפּראַכן, —
ווייס איך שפּראַכן אָן אַ שיער — אַ שרעק! —
כ׳קאָן אויף קינדער־לשון פּלאַפּלען און אויך לאַכן
און ווערטער ציילן ווי אַן אַלטער גרעק...

כ׳קאָן אויף וועלדער־שפּראַך, אויס שפּראַכיקייט, פיל מיינען,
אין קוואַל־סאַן־סקריפּט כ׳קאָן נעמען אויך אַ וואָרט...
דאַקעגן כ׳קאָן אויף אַלע דיאַלעקטן וויינען —
אַ־די שפּראַך געלערנט כ׳האָב אין יעדעס אָרט.

כ׳בין אויסגעניט אין אַלע שטורם־קלאַנגען
און עספּעראַנטאָ שטעקט ביי מיר אין יעדן לאַץ;
כ׳ווייס און רעד אויף אַלע פויגלשע געזאַנגען,
קאָן בויען אויך פון שטערן־ווונק אַ זאַץ.

כוואַליע־מורמל קאָן איך נאָך פון קינדוויז־וועג־אָן —
ס׳איז מיין אַלטע שיר־השירים־שפּראַך;
בלויז איין לשון כ׳קאָן ניט און וועל קיינמאָל קענען:
דאס איז די „דאַננער־וועטער״־שפּראַך...

אַלע, אַלע שפּראַכן ווייס איך, — ס׳איז קיין חידוש —
ס׳האָט מיין וואָגל־לערער מיך זיי אויסגעניט;
בלויז שוויגן קאָן איך נאָר אויף איין שפּראַך: יידיש,
און „שמע־ישראל״ שרייען ווי אַ ייד. ———

ווי א גולם

ווי אַ גולם,
דריי איך זיך אום צווישן עולם
און טענה צו זיך זעלבסט:
— הער זיך איין — דו איינער!
עס דאַרף דאָך דיך קיינער,
דו וועלקסט! —

וואָלסטו געווען:
אַ שווערד, אַ ביקס צי אַ שטיך,
וואָלסטו געהאַט אַ בעלן אויף זיך
און וואָלסט אויך אַ לעבן געזען ———

וואָלסטו געווען:
אַ סוחר, אַ נאָכיאָגער פון ווינט,
וואָלסטו כאָטש ווען
אַ לעבעדיקן גראָשן געזען
און פאַרדינט...

וואָלסטו געווען אַ פערד,
וואָלסטו געהאַט כאָטש אַ שטאַל...
און אַזוי ביסטו ווער? —
אַ שטורמישער קוואַל
און ניט מער! ———

טיילול־שלום

1

ס׳האָט די זון זיך ברייט צעשיינט:
— אויף דער וועלט איז יום־טוב היינט! ———
און צעגרינט האָט וואַלד און פעלד:
— שלום, שלום אויף דער וועלט!

גאָר איך איינער, ווי אין חלום,
גיי אַרום און זוך דעם שלום:
— ווו זשע ביסטו, ליבער שלום? — — —
— ווו זשע ביסטו, זיסער שלום? — — —

2

אָפּגעקילטע קרעמאַטאָריעס,
טיף פאַרקלערטע פונקט, ווי גלאָריעס,
שטייען פיינלעך און באַדויערן,
גלייך זיי וואָלטן וואָס פאַרלוירן...

און עס שטומען לאַנג „טאַטשאַנקען",
און פאַרחלומט שטייען טאַנקען, —
כאָטש גיי טרעף אָפּ די געדאַנקען
וואָס עס חלומען דאָרט טאַנקען! — — —

3

און אין אַ געסל, ערגעץ דאָרט...
זיצט דער טייוול אויף זיין אָרט
און ער ציט אַ שווארצע קאָרט:
אפשר פאָרט... אפשר פאָרט!...

נאָכער ר׳ נעמט סאַרקאַסטיש לאַכן:
— כאַ־כאַ־כאַ, וואָס זאָל מען מאַכן —
ס׳גייט דאָך שלום צו דער חופּה,
ווו זשע איז ערגעץ די קליפּה?...

4

וויל איך טרעפן, — כ׳בין קיין זנאָכער, —
כ׳ווייס נאָר, אַז ס׳איז שאָכער־מאַכער...
אז ס׳איז שלום ביי ווער־ווייס־אים
און ביי שטיינער און ביי מתים!?

און ווייל ס׳טוט דער טייוול זאָרגן
אונדזער וועלט אַזוי באַזאָרגן, —
ווערט דער גרויער מענטש דערוואָרגן
אָן אַ היינט און אָן אַ מאָרגן! — — —

ליד און ברויט

אין שעה, ווען ליד איז בעסטער מאכל,
ברויט און צום־ברויט, קאָמפּאָט, וויין;
יעדער פערז — אַ גאָלדענע יאַיכל,
פודן שאָקאָלאַד — אַ גראַם, —

זאָגט צו מיר מיין פרוי מיט טרויער:
— ליבער מאַן מיינער, מיין מאַן!
ס׳איז דער דחקות אומגעהויער
און קיין ברויט ז׳ניטאָ זייט דאַן...

זייט דו האָסט אין אַלץ פאַרגעסן
און פאַרזונקען אין דער נויט...
איך בין נאָר אַ מענטש — כ׳וויל עסן
און אַ ליד איז ניט קיין ברויט...

זאָג איך איר: — אָ, פרוי, כ׳וואָלט וועלן
דו זאָלסט מיך אַ מאָל פאַרשטיין:
נאָך מיין טויט וועט מען דאָך שטעלן
מיר פון לידער די — אַ שטיין...

מען וועט זינגען מיינע לידער,
יאָרצייט פּראַווען אָפטערמאָל
און דערמאָנען מיט אַ ציטער:
„ס׳איז געווען אַמאָל... אַמאָל...״

ענטפערט מיר מיין פרוי: „אַך, טרייער!
דו פאַרשטיין ווילסט ניט די נויט...
נאַ פאַר דענקמאָל דיר אַ דרייער, —
כ׳וויל דאָך לעבן ביז צום טויט...

נאָך מיין טויט מעג מען מיך זידלען,
ס׳איז אַלצאיינס דאַן אָן אַ ווערט...
— — — — — — — — — — —
און איך ווייס ניט — כ׳טו אַלץ לידלען,
נאָר מיין פרוי איז אויך גערעכט! — — —

דער אמת און דער שקר

ז׳ער אמת איז געקומען צו דעם שקר נאָך אַ נדבה,
האָט דער שקר דורכגעטריבן אים פון טיר:
— וואָס שלעפּסטו בטל זיך אַרום, דו אַלטע סאָווע,
קום האַק אָן אַ ביסל האָלץ ביי מיר!...

ניטאָ היינט, ברודערקע, אומזיסטע אַכילה,
יעדע נאַרישקייט היינט קאָסט פיל באַרע־געלט...
און מיט דיין נעבעכדיקער, אַלטער תפילה,
ועסטו שוין ניט אויסלייזן די וועלט — — —

געווען אַ צייט — דו ביסט געווען אין די פעדערן —
געמיינט צו ווערן נאָך אַ שטיקל לייט...
דו האָסט געפּרוּווט צו זיך פאַרנאַרן יעדערן,
נאָר ס׳איז אַוועק, אַוועק שוין יענע צייט! — — —

האָט דער אמת בושה׳דיק זיין גרויען קאָפּ אַראָפּגעלאָזן
און אַוועק פון שקר שטום,
אין העלע טיפענישן זיך שטיל אַוועקגעלאָזן, —
זוך איך אים נאָך אַלץ אַרום — — —

אנטוישונג פון א שרייבער

ס׳באַקלאָגט זיך אין לאַגער אַ שרייבער פון לידער:
עס איז מיר דאָס שרייבן שוין נמאס, דערווידער,
און דוכט זיך ס׳וואָלט טויזנט מאָל בעסער געווען,
ווען ס׳וואָלטן ביי אונדז ווייניקער שרייבער געווען — — —
צופיל טוען מיר זינגען, צופיל שרייבן מיר ביכער
עט, אַ בטלנישע אַרבעט ז׳דאָס סתם! —
מיר טאָפּטשען זיך אויפן זעלביקן אָרט נאָר אונזיכער,
צו וואָס זשע דער גאַנצער קולטור־טאַראַראַם? — — —

נאָר איך טו אים זאָגן: הלוואי יעדער מענטש
וואָלט מיט געפיל נאָר געווען געבענטשט, —
אַלע לידער מיר וואָלטן אין איין ליד אויפגעזינגען,
אַלע ביכער מיר וואָלטן אין איין בוך אויפגעבוכט,
און וואָלטן מיט ליכט אַ ניט־קיין־שרייבער געזוכט,
בכדי אים אין אונדזערע לידער און ביכער באַזינגען — — —

פּינטעלעך (...)

כ׳בין פון פּינטעלעך אַ שרייבער
כ׳בין פון פּינטלען — אַ פּאָעט;
ביי יעדעס וואָרט געשטעלט אַ פּינטל,
מער געפּינטלט, ווי גערעדט.

אָט צום ביישפּיל: טוסט וואָס פרעגן
און קיין ענטפער איז ניטאָ,
ווילסטו וויסן ווו ז׳דער ענטפער —
שטעל זשע פּינטעלעך דריי דאָ...

רייט דער שטארקער אויפן שוואַכן
און ער איז ביי אים אַ שפּיי;
ווילסטו וויסן אויך די סיבה,—
מוזטו שטעלן פּינטלען דריי...

זעסט דער שווינדל אומעטום הערשט
און קיין תּרופה איז ניטאָ,
ווילסטו וויסן ווו ז'די תּרופה—
שטעל זשע פּינטעלעך דריי דאָ...

— — — — — — — — — —

כ'בין פון פּינטעלעך אַ שרייבער
כ'בין פון פּינטלען—אַ פּאָעט;
ביי יעדעס וואָרט געשטעלט אַ פּינטל,
מער געפּינטלט, ווי גערעדט...

שיכור

כ'האָב זיך אָנגעשיכור'ט מיט לידער מיינע ביז טויט-שיכור —
כ'בין אַ זינגער-שיכור פון קינדוויַיז־אָן;
איז מיין האָרץ צעריסן געוואָרן אויף הייסע, הייסע שטיקער
ווי פון שטורם צעריסן ס'ווערט אַ פלאַטער־פאָן.

און כאָטש שיכור־טויט—בין איך אָבער ביים אייגענעם זינען,
מיט ניגון אייגענעם און אייגן ניכטער־שטריך;
איין ביטע נאָר: אויב עמיץ וועט אַזאַ שפּליטער־האָרץ געפינען —
אָ, וואַרפט עס ניט אַוועק פון זיך! — — —

א מאל איז א משל

רעלאטיוויטעט־טעאריע

אַ פישער האָט געכאַפּט צוויי שיינע גרויסע פיש:
אַ יאַז און אַ גאַנץ פּאָוואַזשנעם העכט.
האָט ער פון נעץ אַרויסגעשליידערטביידע אויף דער גראָז, —
האָבן ביידע זיך געצאַפּלט מונטער, פריש,
ביז פּלוצים האָבן זיי דערפילט, אַז ס׳ווערט זיי עפּעס שלעכט, —
רופט זיך אָפּ די העכט צום יאַז:
— „עך, ברודערל, עס ווערט פּאַסקידנע דאָ,
ווו זענען ערגעץ ביידע מיר פאַרקראָכן?
אפשר וואָלסטו אָפּגעשווומען פון מיר אַ ביסל וויטער,
איך פיל ווי ס׳וואָלט מיך עמיץ געטון קאָכן...
און דו — דו רירסט זיך ניט פון אָרט,
כאָטש נעם און שנייד דיך מיט אַ מעסער.
— האַ־האָ, ניט רעד צו מיר איצט בעסער״... —
האָט אויפגעצאַפּלט מיט די לעצטע כחות דער יאַז, —
איך פיל, אַז כ׳וועל זיך באַלד דערשטיקן...
אַזאַ בויוואַלע!... זיך מיר אונטערגערוקט אונטער דער נאָז
און וויל זיך אויף קיין האָר ניט רוקן?!...״
— „וווהין? — האָט זיך געברויזט מיט צאַפּל נאָך די העכט, —
כ׳ווייס ניט ווער פוןביידן אונדז האָט רעכט,
דו זעסט דאָך אַליין,
אַז דער שטח איז דאָ ענג און קליין;
עס פעלט דאָ רוים,
איך פיל, ווי כ׳אָטעם קוים
און וואַרשיינלעך ז׳קיין ביסל לופט דאָ גאָר ניטאָ״.

*

— — — בעת מעשה איז דער פישער אַרויס פון שיף,
באַטראַכט אויפן רחבות־פעלד מיט פרייד די ביידע גוסס׳דיקע פיש
און — אָפּגעאָטעמט טיף.

דעמאקראטיע

די צונג איז איינמאָל געקומען צו דעם אויער מיט אַ טענה
און פאַרלייגט אַזאַ סאָרט לשון־מענה:
— „וויסטו, אויער, וויפל שלעכטס מיט זיך טוסט טראָגן,
דען וויפל כ׳זאָל ניט טענה׳ן — טוסטו רויק אַלץ פאַרטראָגן,

גלייך עס וואָלט דיר מיין ריידן גאָרניט אָנגעגאַנגען,
ווייל וויפל ביטעס און פאַרלאַנגען
ווענדע איך, די צונג, צו דיר — דו אויער־רשע,
און דו ?... מאַכסט פון אַלץ זיך ניחא, און נישקשה...
מעג איך אויסגיין, שוימען פון רחמנות־צאָרן
און — דו ?... הערסט מיך, ווי דעם שניי פון פאַראַיאָרן,
און ווי אַ שטיין
קאָן מען דיך ניט רירן, ניין !
שפיצסט זיך אָן מיט גאווה און מיט יחוס
כלומר : וואָס פלאַפּלט זי, די צונג, דאָרט, צו אַלדי רוחות...
און קאָנסט דערביי זיך ניט פאָרשטעלן מיין ווייטיק שווערן,
ווען דו, אויער הערנדיקער, הערסט און מאַכסט זיך גאָר ניט הערן...
וויל איך דיר איצט טאַקע פרעגן, בנאמנות,
צי שוין זשע גייען דיך ניט אָן קיין ליידן און רחמנות ?
צי שוין זשע..."
נאָר דאָ האָט ס'אויער ניט געקאָנט שוין מער פאַרטראָגן
דער צונגס נעבעך־נעבעכדיקן קלאָגן
און זי אין מיטן איבערגעריסן :
— "העי, גענוג דאָרט, צונגל־לאַפּאַטע, אַפּעלירן צו מיין געוויסן !
וואָס קומט אַרויס פון דיין אַזויפיל ריידן,
אַז כ'וועל במילא ניט דערהערן דיינע ליידן...
אַ נפקא־מיניה יאָ צי ניט כ'טו הערן,
אַז צום האַרץ סיווי דערגייען דאָך ניט דיינע טרערן,
ווייל : בכדי אַ האַרץ צו רירן היינט, קאָן איך דיר זאָגן,
ווערט ניט העלפן אים מיט גוטע רייד און טרערן צו באַקלאָגן...
באַפּייל די הענט !...די הענט באַפּייל צוויי פעסטע פויסטן מאַכן,
אַ ביקס נעמען מיט שטאָלץ, אַ דראָג צי אַנדערע זאַכן...
און אָנשטאָט פלאַפּלען אין רחמנות לאַנגע שעה'ען,
בעטן, שרייען אָדער לאָמיר זאָגן, אַפילו דראָען,
וויינען, ליאַרמען און פאַרגיין אין טריבע טרערן, —
איבערן גאָפּ גיב ! —
דאָס האַרץ וועט, אויפנעמען שנעל־גיך
און איך וועל גלייך דערהערן ! — — —

סאציאליזם

די בייטש האָט אין איין שמייסן געהאַלטן
דעם פערד דעם אַלטן
און אונטערפייפנדיק אויף בייטשיש לשון זיך גערעדט:
— עט, עך מיר אַ באשעפעניש — אַ פערד!
דען וועלכע האָט ער ווערט?
דערצו נאָך אַן אַלטע פגירה,
און ס'איז כ'לעבן אַן עבירה
דאָס עסן וואָס ער עסט!...
אַז וויפל כ'זאָל ניט שמייסן אָט אַזוי, —
דוכט זיך טוט אים גאָר ניט וויי! — — —
איז טאַקע אמת, אַז געבוירן ז'ער דערויף,
אַז איך, בייטש, זאָל אים שלאָגן;
און אַן אויפער יאָגן
אין זיין געלויף;
אַנדערש וואָלט ער איגגאַנצן צוגעשטאַנען...
— טאָ האַידאַ, פגירה! — האָט בייטש אַ שמייס געטון, —
פאַרשטאַנען?...

און דער פערד האָט אונטער דער שווערער משא זיך אויסגעצויגן,
געשלעפּט דעם שווערן וואָגן, גלאָצנדיק אַזש מיט די אויגן...
נאָר הערנדיק דער בייטשס פלאַפּלעריי
און נאַרישע באַרימעריי,
ניט אויסגעהאַלטן און געזאָגט צו איר אַזוי:
— אַז אָך — און — ווײ,
אַז דו ביסט איבער מיר דער באַלעבאָס
און רעדסט נאָך מיט פאַרדראָס,
ווייל ווער דען ביסטו דאָס אַזאַנע, ווער,
אויב ניט מער,
ווי אַ שטיקל רימען אויף אַ האָלץ...
און דיין גאַנצער שטאָלץ
איז אַ גאָרניט ווערט,
ווען ניט איך, דער פערד!...
דו שלאָגסט אָן חשבון מיך דאָך, אָן פאַרוואָס,
און דיין פאַרדראָס
איז פּשוט, ווייל דו ביסט באַוווסט

פאַר אַן אידיאָטישן סאַדיסט...
און ניט אויסן ביסט אַזוי מיין לויפן, ווי אויס גאווה
ווילסטו שטילן דיין פאַסקודנע תאווה...
גלויב מיר, אַז כ׳בין אַ מבין אויף דיין שלאָגן,
נאָר וואָס קאָן איך טאָן.
אַז כ׳בין איינגעשפאַנט אין שווערן וואָגן
פון אינדערפרי־אָן...
און די וויכטיקייט פון מיין פליכט טו איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן,
אַז אָן אַרבעט איז ניטאָ קיין עסן,
און ווי דו ווייסט האָב איך אַן אינטערעס אויך ניט פאַר זיך —
דערויף טאַקע אַ פערד בין איך!...
נאָר כ׳שווער דיר ביי מיין לעבן:
ס׳וועט געבן
אַזאַ טאָג,
ווען איך וועל ניט באַלאַסטעט זיין מיט אַזויפיל וואָג
און וועסט מיך פרווון ווייטער שלאָגן,
וועל איך זיך צעטראָגן
און אַזוי לאַנג יאָגן,
ביז כ׳וועל דיך איבערקערן צוזאַמען מיטן וואָגן,
און דו, „גרויסער באַלעבאָס״,
וועסט פאַרשליידערט ווערן ערגעץ ווייט אין גראָז,
צי אין בלאָטע
און מיט חרטה
אַזוי אָן שום ווערדע אין דער זייט —
צעפוילט ווערן במשך פון אַ קורצער צייט...
איינס נאָר טוט מיר לייד און ס׳איז פשוט מיר ניט שיין,
וואָס דו, שטיקל רימען, ביסט אַליין
אויסגעשניטן פון דער פעל
פון אַזאַ פגירה, טאַקע ווי איך,
וואָס איז פון שלאָגן דיינס געוואָרן אַ תל,
און ווילסט ניט איצט דערקענען זיך...

— — — — — — — — — — — — — —

אינהאַלט.

לידער פון האַס

ניט אויסדערציילן 5
אַמאָל, אַמאָל 9
ווי־יתקדש 10
אוי, ווי אנדערש 10
שטורמט ווינטן 11
תפילה 11
ווייטיק 12
צו וואָס נאָך מאַנען 14
מיין מאַמע 15
בענקשאַפט 16
אַ פריינט 17
גאולה 19
אַתה בחרתנו 20
באַלאַדע פון דער באָבע שרה 21
פרעג ניט פאַרוואָס 25
משפחה 28
פאַרלעגנהייט 29
אין קרעמאַטאָריע־אויוון . . . 30
עלנט 35
ביים לעצטן פאַל 36
עכאָ 37
מיין פרייד 38
איינדרוק 38
דערוואַרטונג 39
מיין טאַטע ז׳געשטאָרבן . . . 39
נקמה־מיראַזש 40
זינג 41
אומרו־ליד 42
צו גאָט 42
שטימונג 43
וואָלין 44
מיין וועלט 45
צום מענטש 45
קינדער־שמייכל 46
אנטוישונג 47
אייז־עפּאָכע 48
קויפט אַ טרער 50
סטאָפּ, געדאנקען 50
צום טאָג 51
ניט פאַרענדיקטע באַלאַדע . . 52
כ׳וואָלט געוואָלט 53
אין אַ מינוט אַזאַ 54
איך שעם זיך 54
אַ שאָטן צווישן שאָטנס . . . 54
דו זאָגסט 56
ווי אַ בלאָנדזשעדיק קינד . . 56
צו מיין אומבאַקאַנטן פריינט —
בען 57
פאַרלאַנגען 58
ס׳האַרט מיך ניט 58
ווער בין איך 58
כ׳בין אַ ביכל 59
צוגעווינט 60

גאולה־טריט

גאולה־טריט 63
אַזוי איז באַשערט מיר . . . 63
דער שטאַרקער בעטלער . . . 64
מיין קמיע 67
שארית הפליטה 68
פרילינג 69
זאָרגלאָזיקייט 70
דיספּלייסד פּערסאָן 71
כ׳קאָן ניט ליידן 72
איך גיי 73
אלול אין לאַגער 76
איך שטויב פון דער וועלט . 77
פּרעמד 77
לאַגער 78
אַ בינטל קונסט 78
איך מעסט ניט 79

כמאַרעס 80
קינדער־טענה 81
אַז ישיר 86
האַרבסט אין לאַגער 87
אויף די שליאַכן 87
שטילקייט 88
ערב פרילינג 89
פריידעניו 89
שלאָפלאָזיקייט 90
טרומפלדאָר און די טרומפּייט 91
מידקייט 93
כ׳האָב פאַרברענט 94
ס׳ליגן דורות געבונדן . . . 95
צדקה תציל ממוות 96
גרענעץ 97
קינדערלעך גרויסינקע . . . 98
צו אַ מנחם־מענדל־ייד . . . 98
ווינטער אין לאַגער 100
זכרונות 100
העפּלה 100
ווו געטאָגט — ניט גענעכטיקט 101
אַ יעסיען־נאַכט אין לאַגער . . 102
פרימאָרגן אין לאַגער . . . 103
איך ליב דיך 104
שלאָף־ליד 104
כדאַי 105
אָפּשייד 106

ברעקלעך

ברעקלעך 109
פרווו 109
אומזיסטע ווייען 110
גראַם 110
פון צדק ביז שקר 110
אַקטואַליען 111
געדאַנקען 111
שפּראַכיקייט 111
ווי אַ גולם 112
טייוול־שלום 112
ליד און ברויט 113
דער אמת און דער שקר . . 114
אַנטוישונג פון אַ שרייבער . . 115
פינטעלעך 115
שיכור 116

אַ מאָל אין אַ משל

רעלאַטיוויטעט־טעאָריע . . . 119
דעמאָקראַטיע 119
סאַציאַליזם 121